ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא

תשפ"ג

314

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
## ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
## בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקַייטְן?.........................א

דַארְף אַ פְּרוֹי זִיךְ זָארְגְן פַאר אִיר מַאנְ׳ס רוּחָנִיוּת?........................................ג

מֶעג אִיךְ אוֹיסְטוּן מַיינֶע שַׁבָּת׳דִיגֶע וַוייסֶע זָאקְן?........................................ו

וִוי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ זִיךְ אַיין פוּן שְׁלָאגְן מַיין קִינְד?........................................ז

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיסְהַאלְטְן דִי לַאנְגֶע דַאוֶוענֶען פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה?.......................ט

וֶוען אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אוֹיסְצוּטוּן דִי רַשִׁ״י תְּפִילִין בַּיים דַאוֶוענֶען?.................. יג

אִיךְ קֶען אַלֵיין רוּימֶען דִי אוֹיפְגֶעוָוארְפֶענֶע מִיסְט, פַארְוָואס מַאכְן מַחֲלֹקֶת?........... טו

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן הֶעלְפְן דֶעם יֶערְלִיכְן קָאמְפֵּיין פַאר דִי מוֹסְדוֹת.........................א

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ ...............................א

דוּ רַאטֶעוֶועסְט דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל פוּן שְׁלֶעכְטְס, מִיט דִי חֶסֶד וָואס דוּ טוּסְט ..........ב

אַ תְּפִלָּה בַּיים אָפְּשֵׁיידְן חַלָּה...........................................................ב

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן פוּן מַיין מַאן .......................ג

זוּכְט וִוי מֶער צוּ הֶעלְפְן אַייעֶר מַאמֶע...................................................ד

מַאךְ צוּ דַיינֶע אוֹיגְן אוּן טְרַאכְט, ׳אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער׳..............................ד

מֶען מַאכְט מִיט דִי הֶענְט אוּן פִיס, אָבֶּער פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ..............ה

אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי אַ פָּאנְטְשׁ ...............................................ה

טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט קֵיינֶעם, אוּן זִיכֶער נִישְׁט קַיין שְׁכֵנִים....................................ו

מִיט וֶועלְכֶע סָארְט צוּדֶעק דַארְף אַ פְּרוֹי זִיךְ צוּדֶעקְן דִי קָאפּ?............ ו

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן מִיטְאַרְבֶּעטְן מִיט דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה אִין שְׁטֶעטְל............ ז

ווִילְסְט פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח? זָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג............ ח

אִיךְ פְּרוּבִּיר נָאכְאַלְץ צוּ מַאכְן פַאר דִיר אַ שִׁידוּךְ............ ח

בִּזְכוּת מַאכְן בְּרָכוֹת, וֶועט אִיר מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְן............ ח

טוּט נִישְׁט קַיין סַכָּנָה'דִיגֶע זַאכְן............ ט

דִי פֵייעֶר בַּארוּאִיגְט זִיךְ, מֶען הוֹיבְּט אָן זֶען דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אַן אֵיידֶעלֶע שְׁטוּב............ י

זָאלְסְט זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּ זַיין פוּן הַיינְט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג............ יב

תְּשׁוּבָה טוּן מֵיינְט זַיין צוּפְרִידְן, זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן............ יג

זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן, אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין עֵצָה............ יג

שְׁרֵיי נִישְׁט אוֹיף מִיר, אִיךְ בִּין דַיין וַוייבּ, נִישְׁט קַיין דִינְסְט............ יד

רֶעדְן נָאר אֵיידְל, אוּן זִיךְ פִירְן אֵיידְל............ טו

אַ שָׁאד דַיין זָארְג, עֶס וֶועט דִיר סֵיי וִוי נִישְׁט הֶעלְפְן............ טו

אַרַיינְבְּלָאזְן אַ חַיּוּת אִין דִי מְלַמְּדִים............ טז

זַייט חַבְרְ'טֶעס מִיט דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג............ יז

גֵיי נִישְׁט לֵיידִיג, טוּ גוּטֶע זַאכְן............ יז

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן בַּאקוּקְן דֶעם עֵירוּב יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת............ יח

זַיי מִתְפַּלֵּל פַאר מִיר אִין אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן............ יט

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**ווי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקַייטְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֶפְשָׁר שְׁרַייבְּט אִיר מִיר עֶפֶּעס חִיזּוּק? עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף מִיר.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט (אֲשֶׁר בַּנַּחַל, מִכְתָּב יד-תלז) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ צַדִּיק וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעלִיטְן פוּן זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן מֶען פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג הֶערְן ווי דֶער צַדִּיק זָאגְט צוּ זִיךְ: ״אַזוֹי ווִיל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער״, ״אַזוֹי ווִיל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער״; עֶר הָאט זִיךְ גֶע׳חַזֶר׳ט דִי אֱמוּנָה עֶר זָאל נִישְׁט מְהַרְהֵר זַיין אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ; אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צַייטְן זָאל מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען: ״הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט, אֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל, צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא״ (דְּבָרִים לב, ד).**

**מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט אוּן מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט, מִיר וֵוייסְן נָאר אֵיין זַאךְ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן אַלֶעס וָואס דֶער**

אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוט אִיז גוט. מִיר דַארְפְן שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן: 'מִיר וֶוייסְן גָארְנִישְׁט און מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, עֶר מַאכְט נָאר גוט, עֶר מַאכְט נָאר פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה'.

נֶעם אַרַיין אֱמוּנָה אִין דִיר, וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַ רוּאִיגְקֵייט אִין לֶעבְּן; אַלֶעס וֶועט דִיר גֵיין גְרִינְגֶער. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נג): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה", וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה, "חַיָּיו חַיִּים", דֶער לֶעבְּט אַ לֶעבְּן, "וְהוּא מְבַלֶּה יְמֵי חַיָּיו בְּטוֹב תָּמִיד", אַלֶעס גֵייט גְרִינְגֶער און עֶס אִיז אִים שְׁטֶענְדִיג גוט, "כִּי כְּשֶׁהוֹלֵךְ לוֹ כָּרָאוּי וְיֵשׁ לוֹ טוֹב", וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אִים אַלֶעס אַזוֹי וִוי עֶר וִויל - "בְּוַדַּאי טוֹב לוֹ", אִיז דָאךְ גוט, "וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁאֵינוֹ כָּךְ", און אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, "דְּהַיְנוּ שֶׁאֵין מִתְנַהֵג לוֹ כְּסֵדֶר", וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, "וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִין חַס וְשָׁלוֹם", און עֶר לַיידְט יְסוּרִים חַס וְשָׁלוֹם, "גַּם כֵּן טוֹב", אִיז אִים אוֹיךְ גוט, "כִּי הוּא בָּטוּחַ שֶׁאַף עַל פִּי כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם עָלָיו לְהַבָּא וְיֵיטִיב אַחֲרִיתוֹ, כִּי מֵאַחַר שֶׁהַכֹּל מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ בְּוַדַּאי הַכֹּל לְטוֹבָה", וַוייל עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן און אִים הֶעלְפְן. וַוייל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט מִיר דִי שְׁלֶעכְטְס - אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דָאס אִיז גוט פַאר מִיר, "אֲבָל מִי שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם, חַיָּיו אֵינָם חַיִּים כְּלָל, כִּי תֵּכֶף כְּשֶׁעוֹבֵר עָלָיו אֵיזֶה רָעָה שׁוּב אֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת, כִּי אֵין לוֹ בַּמֶּה לְנַחֵם עַצְמוֹ כְּלָל, מֵאַחַר שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה כְּלָל, וְאֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת וְשׁוּם טוֹב, מֵאַחַר שֶׁהוֹלֵךְ בְּלִי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּבְלִי הַשְׁגָּחָה רַחֲמָנָא לִצְלַן", אָבֶּער דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה - דֶער הָאט נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, וַוייל וִוי נָאר עֶס גֵייט אִים אִיבֶּער עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס - הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם טְרֵייסְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִיט וָואס צוּ טְרֵייסְטְן, וַוייל עֶר גְלֵייבְּט דָאךְ נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, "אֲבָל עַל יְדֵי אֱמוּנָה מַה טוֹב וְיָפֶה הַחִיּוּת שֶׁלּוֹ כַּנַּ"ל", אָבֶּער דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה - הָאט אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## דַארְף אַ פְרוֹי זִיךְ זָארְגְן פַאר אִיר מַאנְ'ס רוּחָנִיּוּת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף דִי בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] אִיבֶּער זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פַארְן מַאן'ס רוּחָנִיּוּת, עֶס הָאט גֶעמַאכְט בַּיי מִיר אַ טוּישׁ אִין לֶעבְּן, אַ קְלָארְקֵייט אוּן אַ רוּאִיגְקֵייט, ווַיפִיל אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ לֶעבְּן אַזוֹי, אִיז עֶס מִיר נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, בִּיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן דִי וֶוערְטֶער קוּרְץ אוּן שַׁארְף, אוּן עֶס הָאט מִיר גֶעטוּישְׁט דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן. אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעוָואלְט צוּרִיק שְׁרַייבְּן, אָבֶּער עֶס אִיז מִיר נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען.

הַלְוַאי וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער וֶוען אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט, זִיךְ צוּ זָארְגְן פַאר דִי אֵייגֶענֶע רוּחָנִיּוּת אוּן פַאר דִי מַאן'ס גַשְׁמִיּוּת, וָואלְט מַיין לֶעבְּן גֶעוֶוען אַנְדֶערְשׁ אוּן אַסַאךְ אַסַאךְ גְרִינְגֶער, אַ שָׁאד אַז נִישְׁט יֶעדֶער זָאגְט עֶס פַאר כַּלּוֹת אוּן פְרוֹיעֶן, יֶעדֶע כַּלָּה אוּן יֶעדֶע פְרוֹי דַארְף דָאס הֶערְן, ווִיסְן אוּן לֶעבְּן מִיט דֶעם לְמַעֲשֶׂה, אַז דָאס אִיז בֶּאֱמֶת אִיר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם צְווִישְׁן אִיר מִיט אִיר מַאן.

נִישְׁט צוּ גְלַייבְּן ווִיפִיל אֵיין זַאץ קוּרְץ אוּן שַׁארְף קֶען טוּישְׁן אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים קְלָאר מַאכְן אוּן גְרִינְגֶער מַאכְן דָאס לֶעבְּן, צוּ לֶעבְּן רִיכְטִיג אוּן רוּאִיג אָן צוּ טְרָאגְן אוֹיף זִיךְ אַן אִיבְּרִיגֶע עוֹל.

יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אֶנְצוּקוּמֶען צוּ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אוּן בַּאקוּמֶען דִי וֶוערְטֶער, אוּן פַאר אַלֶע הֶערְלִיכֶע שֵׁיינֶע חִיזּוּק וֶוערְטֶער, שִׁיעוּרִים אוּן דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוערְט שֶׁענֶער אוּן קְלָארֶער, אוּן עֶס גֶעבְּט כֹּחַ פַארְן לֶעבְּן ווַייטֶער בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת פוּן דִי אֵייגֶענֶע אוּן פוּן דִי מַאן, אוּן אַוַודַאי אוֹיךְ פוּן דִי קִינְדֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג

לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט גֶעזֶען אַ וָוארְט

פוּנֶעם צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט אִים זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען. רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער הָאט גֶעזָאגְט: "יֶענֶעמְ'ס גַשְׁמִיּוּת - אִיז מַיין רוּחָנִיּוּת", און מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַלֶע יָארְן בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; מֶען הָאט גֶעזָארְגְט פַאר אַ צְוֵוייטְן יֶענֶער זָאל הָאבְּן עֶסְן, און נִישְׁט אוֹיף זַיין רוּחָנִיּוּת, אוֹיבּ עֶר דַאוֶוענְט וְכוּ'; נִישְׁט וִוי דִי אַלֶע וָואס זָארְגְן פַאר אַ צְוֵוייטְנְ'ס רוּחָנִיּוּת און עֶס גֵייט זֵיי נִישְׁט אָן אוֹיבּ יֶענֶער הָאט אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַאכְן און אוֹיבּ יֶענֶער הָאט וָואס אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין מוֹיל.

בַּיי מַאן און וַוייבּ אִיז דָאס נָאכְמֶער שַׁיָיךְ, אַ קְלוּגֶע פְרוֹי זָארְגְט פַאר דִי שְׁטוּבּ, זִי זָארְגְט עֶס זָאל זַיין עֶסְן פַאר דִי מַאן און קִינְדֶער, רֵיינֶע קְלֵיידֶער פַאר דִי מַאן און קִינְדֶער און פַאר דִי רֵיינְקֵייט פוּן דִי שְׁטוּבּ; דָאס אִיז דִי עֲבוֹדָה פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי, וִוי נָאר דִי פְרוֹי הוֹיבְּט אָן נָאכְקוּקְן אִיר מַאנְ'ס רוּחָנִיּוּת, זִי שֶׁעצְט אִים נִישְׁט - שְׁפִּירְט דָאס גְלַייךְ דֶער מַאן און דָאס מַאכְט אִים אוּמְצוּפְרִידְן, דֶער מַאן שְׁפִּירְט אַז זַיין וַוייבּ קוּקְט אִים נָאךְ, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט בַּאהַאלְטְן, דֶער מַאן שְׁפִּירְט מִיט פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן אוֹיבּ זַיין וַוייבּ שֶׁעצְט אִים אָדֶער נִישְׁט; דָאס מַאכְט קַאלְיֶע דִי שָׁלוֹם בַּיִת.

דִי אַלֶע פְרוֹיעֶן וָואס קוּקְן און זוּכְן נָאךְ אוֹיבּ דֶער מַאן הָאט שְׁמִירַת עֵינַיִם, אוֹיבּ דֶער מַאן אִיז עֶרְלִיךְ - דִי זֶענֶען נִישְׁט קַיין נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת, דִי זֶענֶען פַארְקֶערְט פוּן נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת, און דִי פְרוֹיעֶן וָואס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זַיין גְרֵייט פַארְן מַאן און אִים מַאכְן גוּט בְּגַשְׁמִיּוּת און זֶענֶען פְרֵיילִיךְ צוּ טוּן דֶעם ווילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דִי זֶענֶען דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת; אִין זֵייעֶר זְכוּת וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי תְּהִלִּים, סִימָן תשצה) דִי רוּחָנִיּוּת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין מִצְרַיִם אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דִי מֶענֶער זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְשְׁקְלַאפְט און פַארְפְּלָאגְט פַאר דִי מִצְרִיִּים, מֶען הָאט גֶעאַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער, מֶען אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין מַאכְן גֶעלְט אַז זֵיי זֶענֶען פָּשׁוּט נִישְׁט אַהֵיימְגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער, וָואס הָאבְּן דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן גֶעטוּן? זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער אוֹיפְן פֶעלְד דָארְט וואוּ זֵיי הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט, זֵיי הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט - יֶעדֶער פַאר אִיר מַאן - וַואסֶער מִיט קְלֵיינֶע

פִישׁ, זֵיי הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעוַואשְׁן און גֶעלֶעבְּט אִינְאֵיינֶעם, און אַזוֹי אִיז גֶעוָוארְן דָאס אִידִישֶׁע פָאלְק וָואס זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם און מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בַּיים בַּארְג סִינַי; דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן הָאבְּן גֶעזָארְגְט פַאר מַאן׳ס עֶסְן און אַזוֹי וַוייטֶער, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען נָאכְצוּקוּקְן און אָפְּשַׁאצְן ׳עֶר אִיז גֶענוּג עֶרְנְסְט אָדֶער נִישְׁט?׳ אַז בִּזְכוּת דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת זֶענֶען דִי אִידְן אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, וּבִזְכוּת דִי פְרוֹיעֶן - וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט צוּ זָארְגְן צוּפִיל פַאר דִי מַאן׳ס רוּחָנִיּוּת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, ב׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר זָאלְט זָארְגְן פַאר אַייעֶר מַאן׳ס גַשְׁמִיוּת, עֶס זָאל אִים זַיין גוּט אִין שְׁטוּבּ, עֶס זָאל זַיין גוּטֶע עֶסְן, קְלֵיידֶער און אַ פְרֵיילִיכֶע וַוייבּ - דֶעמָאלְט וֶועט זַיין רוּחָנִיּוּת זַיין גוּט.

דִי אַלֶע פְרוֹיעֶן וָואס זָארְגְן טָאג און נַאכְט פַאר דִי מַאן׳ס שְׁמִירַת עֵינַיִם וְכַדוֹמֶה - דָאס אִיז נִישְׁט גוּט און נִישְׁט גֶעזוּנְט, מֶען קֶען נִישְׁט לֶעבְּן אַזוֹי.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דִי וָואךְ בַּאזוּכְן אִין תְּפִיסָה, דִי אִינְגֶעלַייט אִין שְׁטֶעטְל גֵייעֶן אִין תְּפִיסוֹת בַּאזוּכְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן דִי חֶסֶד. זָאגְט מִיר אַ אִיד וָואס זִיצְט שׁוֹין אַסַאךְ יָארְן אִין תְּפִיסָה אַז יֶעצְט אִיז זֵיי דָארְט שְׁוֶוער, וַוייל זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַ נֵייעֶם רָב אִין תְּפִיסָה, וָואס זָארְגְט פַאר דִי אַרֶעסְטַאנְטְנ׳ס רוּחָנִיּוּת, עֶר זָארְגְט זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען חֲסִידוּת וְכַדוֹמֶה. דִי אַרֶעסְטַאנְטְן בֶּעטְן זִיךְ ׳בְּרֶענְג אוּנְז עֶסְן, בְּרֶענְג אוּנְז טְרִינְקֶען׳; זָאגְט עֶר: ״מַיין פְלִיכְט אִיז עֶנְק מְזַכֶּה זַיין מִיט לֶערְנֶען חֲסִידוּת״.

דִי אַרֶעסְטַאנְטְן זָאגְן, קוֹדֶם אִיז גֶעוֶוען אַ רָב וָואס הָאט סַאטְמֶערֶע

בְּלוּט, עֶר הָאט נָאר גֶעזָארְגְט פַאר זַייעֶר גַשְׁמִיּוּת, עֶר הָאט זֵיי מְחַיֶּ׳ גֶעוֶוען, עֶר הָאט זֵיי שְׁטֶענְדִיג אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט גוּטֶע עֶסְן און גֶעזָארְגְט פַאר זַייעֶר גַשְׁמִיּוּת; דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִין לֶעבְּן, זָארְגְן פַאר יֶענֶעמְ׳ס גַשְׁמִיּוּת און פַאר דִי אֵייגֶענֶע רוּחָנִיּוּת.

זָארְגְט פַאר אֵיין זַאךְ פַאר אַייעֶר מַאן, עֶס זָאל אִים זַיין גוּט אִין שְׁטוּבּ, עֶס זָאל אִים זַיין בַּאקְוֶועם אִין שְׁטוּבּ; דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, זָארְגְן פַאר דִי אֵייגֶענֶע רוּחָנִיּוּת און פַארְן מַאנְ׳ס גַשְׁמִיּוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...]

### מֶעג אִיךְ אוֹיסְטוּן מַיינֶע שַׁבָּת׳דִיגֶע וַוייסֶע זָאקְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זִיךְ יֶעדְן טָאג מְחַזֵּק מִיט דִי שִׁיעוּרִים און חִיזּוּק יוֹמִי, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אַזַא שֵׂכֶל הַיָּשָׁר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאצָאלְן פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַלֶעס גוּטְס אוֹיף אֵייבִּיג.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי וִוי אִיךְ גֵיי שַׁבָּת מִיט וַוייסֶע זָאקְן, אִיךְ וִויל אָבֶּער פָּטוּר וֶוערְן דֶערְפוּן, מֶעג אִיךְ עֶס אוֹיסְטוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרַאְ״שׁ אִיז גֶעגַאנְגֶען וַוייסֶע זָאקְן און אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי תַּלְמִידִים זָאלְן גֵיין וַוייסֶע זָאקְן.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיסְטוּן וְכוּ׳; אֵיינֶער וָואס גֵייט שׁוֹין און וִויל אוֹיסְטוּן אִיז

**אַנְדֶערְשׁ ווִי אֵיינֶער וָואס גֵייט בִּכְלַל נִישְׁט, מַעֲלִין בַּקוֹדֶשׁ וְלֹא מוֹרִידִין, מֶען טוּט נִישְׁט אוֹיס אַ אִידִישֶׁע אָנְטוּן.**

**עֶס אִיז דָא מָאלְן וָואס מֶען עֶנְטְפֶערְט אַנְדֶערְשׁ בִּפְרָטִיּוּת, וֶוען מֶען קֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וְכוּ׳ אוּן מֶען וֵוייסְט אַלֶעס אַרוּם וְכוּ׳; בִּכְלָלִיּוּת אִיז דָאס דֶער עֶנְטְפֶער.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

**...**

**ווִי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ זִיךְ אַיין פוּן שְׁלָאגְן מַיין קִינְד?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֶוער צוּ שְׁנֶעל אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף מַיין טָאכְטֶער, אִיךְ טֵייל פֶּעטְשׁ אוּן דֶערְנָאךְ שְׁפִּיר אִיךְ זִיךְ אַזוֹי שְׁלֶעכְט אוּן אִיךְ וֵויין. זִי דְרֵייט מִיר אִיבֶּער טֶעלֶערְס, אִיךְ דַארְף עֶס אוֹיפְרֵיינִיגְן אוּן אִיךְ וֶוער אוֹיפְגֶערֶעגְט - גֶעב אִיךְ אִיר אַ פְּרַאסְק, אָדֶער וֶוען מֶען דַארְף אַרוֹיסְגֵיין הוֹיבְּט זִי אָן אוֹיסְצוּטוּן דִי שִׁיךְ בְּעֶרֶךְ פִינְף מָאל... פַארְוָואס שְׁלָאג אִיךְ? אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט מוֹחֵל זַיין.

אוֹיךְ זָאג אִיךְ אִיר אוֹיף אַלֶעס נֵיין, וָואס זִי בֶּעט אִיז נֵיין, וָואס זִי כַאפְּט אָן אִיז נֵיין, אוּן אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְן בַּיי אַ שִׁיעוּר אַז מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן נָאר נֵיין, מֶען דַארְף עֶפֶּעס גֶעבְּן אַנְשְׁטָאט דֶעם; וָואס דַארְף מֶען גֶעבְּן אַנְשְׁטָאט?

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן חִיזּוּק אוֹיף חִינוּךְ, מְחַנֵךְ צוּ זַיין שֵׁיין, אָן פֶּעטְשׁ; נֶעבֶּעךְ אוֹיף מַיין טָאכְטֶער וָואס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מִיט צְוֵויי רוֹיטֶע בַּאקְן, אוּן אִיךְ וֵויין ווַייל אִיךְ הָאב חֲרָטָה.

נָאךְ אַ זַאךְ, אִיךְ ווִיל אִיר גֶעבְּן נָאר וַואסֶער אוּן מַיין מַאן גֶעבְּט אִיר זִיסֶע טְרִינְקֶען, אוּן שְׁפֶּעטֶער ווִיל זִי מֶער נִישְׁט וואסֶער; אִיךְ הָאב גֶעבֶּעטְן מַיין מַאן עֶר זָאל אִיר נִישְׁט גֶעבְּן אָבֶּער עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶר זָאגְט אַז אוֹיב עֶס אִיז דָא אוֹיפְן טִישׁ - מֶעג זִי הָאבְּן, ווַייל זִי הָאט עֶס שׁוֹין גֶעזֶען, אוּן אִיךְ זָאג אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא אוֹיפְן טִישׁ דַארְף זִי נִישְׁט הָאבְּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

עֶרְשְׁטְנְס דַארְפְט אִיר וִויסְן, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער. צְוֶוייטְנְס, אַז מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער אוּן מֶען דַארְף אַמָאל גֶעבְּן אַ פֶּעטְשֶׁעלֶע - אִיז דָאס אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיפְן פָּנִים, נָאר אוֹיף דִי הֶענְט, אוּן דְרִיטְנְס, אוֹיךְ נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁט פוּן כַּעַס; אוֹיבּ מֶען אִיז בְּכַעַס - טָאר מֶען נִישְׁט גֶעבְּן אֲפִילוּ אַ קְלֵיינֶע פֶּעטְשֶׁעלֶע, וַוייל וֶוען מֶען אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט קֶען מֶען נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין. חִינוּךְ אִיז נָאר וֶוען מֶען אִיז רוּאִיג אוּן גֶעלַאסְן, מֶען אִיז בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף זִיךְ, אוּן אוֹיךְ קֶען דָאס זַיין אַ סַכָּנָה; מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן אַ קִינְד וֶוען מֶען אִיז אִין כַּעַס, מֶען קֶען שֶׁעדִיגְן חַס וְשָׁלוֹם דֶעם קִינְד.

כַּעַס אִיז גֶעפֶערְלִיךְ, אוּן כַּעַס בַּיי אַ פְרוֹי אִיז נָאךְ עֶרְגֶער; דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ גֵייט צוּגְרוּנְד. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת כַּעַס, סִימָן טו): "כַּעַס שֶׁל אִשָּׁה, מַחֲרִיב אֶת הַבַּיִת", אַ פְרוֹי וָואס רֶעגְט זִיךְ - מַאכְט חָרוּב דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ; דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף שׁוֹטִים, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן כד): "עַל יְדֵי כַּעַס מוֹלִיד בָּנִים שׁוֹטִים", דוּרְךְ כַּעַס גֶעבּוֹירְט מֶען קִינְדֶער שׁוֹטִים; כַּעַס אִיז עֲבוֹדָה זָרָה.

אַז אַייעֶר קִינְד דְרֵייט אִיבֶּער - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ אוֹיף שְׁלָאגְן, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן פַארְן רֶבִּי'ן יֶעדֶע זַאךְ בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת פוּן זַיין לֶעבְּן אוּן פְרֶעגְן צִי עֶר הָאט גוּט גֶעטוּן אָדֶער נִישְׁט, אַמָאל הָאט רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי'ן: "מַיין זוּן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְקוּמֶען שַׁבָּת בַּיי דִי סְעֻדָּה צוּם טִישׁ זִיצְן נֶעבְּן דֶעם גַאסְט וָואס אִיךְ הָאבּ אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט, וַוייל עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן אִים אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ וְכוּ', הָאבּ אִיךְ אִים גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ אַז עֶר זָאל פָאלְגְן אוּן אַרַיינְקוּמֶען צוּ דִי סְעוּדָה", וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען?!" פוּן דֶעם דִיבּוּר אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען שְׁלָאגְט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; אַייעֶר מַאן אִיז גֶערֶעכְט, אַז עֶס אִיז דָא זִיסֶע גֶעטְרַאנְקֶען אוֹיפְן טִישׁ וָואס דִי עֶלְטֶערְן טְרִינְקֶען - קֶען מֶען נִישְׁט קַנְסְ׳עֶנֶען דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן טְרִינְקֶען וַואסֶער; אַז מֶען ווִיל צוּגֶעוואוֹינֶען דִי קִינְדֶער צוּ טְרִינְקֶען גֶעזוּנְט - אִיז רִיכְטִיג אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן אוֹיךְ טְרִינְקֶען גֶעזוּנְט.

בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט אִיז אַ גוּטֶע צַייט צוּ בֶּעטְן פַּאר דִי הַצְלָחָה פוּן דִי קִינְדֶער. וֶוען אִיר צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט - שְׁטֵייט בַּיי דִי לִיכְט, לֵייגְט אַרוֹיף דִי הֶענְט אוֹיפְן פָּנִים אוּן בֶּעטְס אוּן וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין מִיט שִׂמְחָה, אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ זֵיי, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן בְּכַעַס אוּן אִיךְ זָאל זֵיי נִישְׁט שְׁלָאגְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֶוער אַזוֹי שְׁנֶעל אוֹיפְגֶערֶעגְט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; אִיךְ פַארְלִיר זִיךְ אוֹיף דִי קִינְדֶער, אִיךְ בִּין אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ, אוּן נָאכְדֶעם שְׁלָאג אִיךְ זֵיי; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז שְׁלָאגְן אִיז נִישְׁט חִינוּךְ, אִיךְ זָאל זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אוּן זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג".

אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן אוּן לֵייגְט צוּ אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיס נַחַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיסְהַאלְטְן דִי לַאנְגֶע דַאוֶוענֶען פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר דֶערְנֶענְטֶערְן זִיךְ שׁוֹין צוּ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, דִי יְמֵי הָרַחֲמִים וְהַסְּלִיחוֹת, אוּן

גֶעוֶוענְלִיךְ יֶעדֶעס יָאר פְּרוּבִיר אִיךְ מִיטְצוּגֵיין מִיטְן אַלְגֶעמֵיינֶעם שְׁטְרָאם פוּן דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג, כָאטְשׁ וָואס פַאר מִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ אִיז דָאס זֵייעֶר בִּיטֶערֶע אוּן שְׁוֶוערֶע טֶעג, וֶוען אִיךְ הוֹיבּ אָן הֶערְן דִי נִיגוּנִים פוּן דִי נוּסָח וָואס הוֹיבְּט זִיךְ אָן פוּן סְלִיחוֹת אוּן פוּן דִי תְּפִלּוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר - וֶוערְט מִיר שְׁלֶעכְט אוּן בִּיטֶער אוֹיפְן הַאַרְץ.

אִין מַיין חֲסִידוּת פִירְט מֶען זִיךְ צוּ דַאוֶוענֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט, בַּיי יֶעדֶע תְּפִלָּה אִיז מֶען מְכַבֵּד אַן אַנְדֶערְן בְּנֶשֶׂ"ק צוּ דַאוֶוענֶען פַארְן עָמוּד, עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ הַפְסָקוֹת דִי גַאנְצֶע צַייט, בַּיים לֵיינֶען אִיז דָא אַסַאךְ הוֹסָפוֹת וַוייל מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין אַלֶע בְּנֶשֶׂ"ק'לֶעךְ, בְּקִיצוּר, מֶען עֶנְדִיגְט דָאס דַאוֶוענֶען צֶען מִינוּט פַאר דִי שְׁקִיעָה, מַמָּשׁ ווִי אַ תַּעֲנִית, מֶען פַאסְט אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן דֶערְנָאךְ קֶען מֶען זִיךְ גְרוֹיס הַאלְטְן פַאר אַנְדֶערֶע אַז מַיין רֶבִּי טוּט גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת. מֶען לֵייגְט אַרָאפּ אַן עֲבוֹדָה בַּיי דִי מַלְכֻיּוֹת זִכְרוֹנוֹת שׁוֹפְרוֹת גָאר גָאר לַאנְג, מֶען דַאוֶוענְט אַ גַאנְצְן טָאג, מֶען עֶנְדִיגְט אַזוֹי שְׁפֶּעט, כָאטְשׁ וָואס וֶוען מֶען מַאכְט אַ שְׁנֶעלֶער חֶשְׁבּוֹן, מֶען רֶעכְנְט אַרָאפּ אַלֶע הַפְסָקוֹת, הוֹסָפוֹת בַּיים לֵיינֶען אוּן דִי אַנְדֶערֶע שְׁלֶעפֶּענִישְׁן, מֶען וֶועט נָאר רֶעכֶענֶען דִי אֱמֶת'עֶ צַייט ווִיפִיל מֶען דַאוֶוענְט - וֶועט עֶס בִּכְלָל נִישְׁט זַיין אַזוֹי לַאנְג.

פוּן דִי גַאנְצֶע אוּמְבַּא'טַעמְ'טֶע שְׁלֶעפֶּערַייעֶן קוּמְט אוֹיס אַז דָאס גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען וֶוערְט מִיר זֵייעֶר בִּיטֶער אוּן זוֹיעֶר, אוּן נָאכְדֶערְצוּ אַז מֶען אִיז בַּיי אוּנְז זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג אַז מֶען טָאר נִישְׁט קִידּוּשׁ מַאכְן פַאר דִי תְּקִיעוֹת, "וָואס?! דוּ עֶסְט פַאר תְּקִיעוֹת שׁוֹפָר?! אוֹיף דִיר הָאבּ אִיךְ עֶס נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט, זִיכֶער טוּסְטוּ נָאךְ עֶרְגֶערֶע זַאכְן".

אִיךְ וֶועל זָאגְן דֶעם אֱמֶת, שׁוֹין זַייט מַיין בַּר מִצְוָה הָאבּ אִיךְ כִּמְעַט נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אִיךְ זֶע אַסַאךְ בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אִינְדְרוֹיסְן אוּן שְׁמוּעֶסְן אִין קוּפְקֶעס שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים, אוּן פְּלוּצְלִינְג הֶערְט מֶען אַז מֶען הַאלְט שׁוֹין בַּיי "וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף", אוּן יֶעדֶער לוֹיפְט אַרַיין ווִי דֶער שֵׁד הָאט אִים גֶעכַאפְּט, אוּן שְׁרֵייט מִיט קוֹלוֹת "וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף", אוּן מִיט עֶטְלִיכֶע מִינוּט שְׁפֶּעטֶער זֶעט אִיךְ אִים שׁוֹין וַוייטֶער אִינְדְרוֹיסְן זִיךְ טַעֲנָה'נֶען אוֹיבּ דֶער פְּרֶעזִידֶענְט אִיז יָא גֶערֶעכְט אָדֶער נִישְׁט... הָאסְט דָאךְ אַ מִינוּט צוּרִיק גֶעשְׁרִיגְן "וּתְשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה מַעֲבִירִין אֶת רֹעַ הַגְּזֵרָה", אוּן הָאסְט נָאךְ גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף דַיין קִינְד, "קוּם שְׁנֶעל אַרַיין!" אוּן יֶעצְט בִּיסְטוּ שׁוֹין פַארְנוּמֶען מִיט אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן.

אוּם צוֹם גְדַלְיָ' פְרֶעגְט מִיר אֵיינֶער, "נוּ, ווִי אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן?" הָאבּ אִיךְ אַוַודַאי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען גֶעוַואלְדִיג אוּן מוֹרָא'דִיג, עֶר הָאט מִיר

אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶע'פּוֹעֶל'ט אַלֶעס גוּט, אוּן אִיךְ הָאבּ אַוַודַאי גֶעעֶנְטְפֶערְט "אָמֵן", אָבֶער אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר, 'אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעבֶּעטְן, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ פּוֹעֶל'ן, אַ גַאנְץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאבּ אִיךְ דָאךְ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין מִינוּט צוּ טְרַאכְטְן פוּן מִיר, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען נַיין אַזֵייגֶער, אוּן עֶרְשְׁט אוּם צְוֶועלְף אַזֵייגֶער הָאט מֶען גֶעזָאגְט בָּרְכוּ, וַוייל הַאלְבּ פְּסוּקֵי דְזִמְרָא זָאגְט מֶען פָּסוּק בַּיי פָּסוּק, חַזָן וְקָהָל, אוּן אִין דִי צַייט קֶען מֶען דָאךְ אַרוּמְשְׁמוּעֶסְן אוּן מַאכְן קוּפְּקֶעס, אוּן וֶוען מֶען הַאלְט בַּיי בָּרְכוּ קֶען מֶען דֶערמָאלְט אָנְהוֹיבְּן הוֹדוּ, אוּן מֶען וֶועט רוּאִיג קֶענֶען זִיךְ שְׁטֶעלְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה מִיטְן עוֹלָם, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז דָא אַזוֹיפִיל הַפְּסָקוֹת, אוּן אַזוֹי שְׁטוּפְּט מֶען דוּרְךְ דֶעם גַאנְצְן טָאג.

טַייעֶרֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט אַבִּיסֶעלֶע אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען מַיינֶע גֶעפִילְן, אַרָאפְּלֵייגְן דֶעם מַצָּב אוּן אַטְמָאסְפֶער וִוי אַזוֹי עֶס גֵייט צוּ דֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי מִיר, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין טַעַם אוּן קַיין רַאם, אָבֶער אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר, אִיךְ זָאל יָא הָאבְּן דִי רִיכְטִיגֶע צוּגַאנְג צוּ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרַט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁמוּעֶס נִישְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען מִיט קֵיינֶעם, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פוּן שְׁמוּעֶסְן פָּאלִיטִיק; רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן יֶעדְן אֵיינֶעם, וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים דֶעם גַאנְצְן יָאר. אַז דִי דַאוֶוענֶען אִיז צוּ לַאנְג פַאר דִיר אוּן מֶען מַאכְט אַסַאךְ הַפְּסָקוֹת וְכוּ' - זָאלְסְטוּ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט מִיט זָאגְן תְּהִלִּים, זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה; רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאגְן אַלֶע תְּהִלִּים, מֶען בֶּעט פַאר זִיךְ, פַאר דִי קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶע אִידְן.

וָואס דַארְפְסְטוּ קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע? וָואס וֶועלְן דִיר אַנְדֶערֶע הֶעלְפְן? עֶס קוּמְט אַ נַייעֶ יָאר, וָואס וֵוייסְטוּ וָואס גֵייט זַיין מִיט דִיר, מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער? וָואס וֵוייסְטוּ וָואס וַוארְט דִיר? אַלֶעס וָואס מִיר גֵייעֶן

אַריבֶּערְגֵיין דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר, אַלֶעס שְׁרַייבְּט מֶען אָן רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דַארְפְן מִיר אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט מִיט תְּשׁוּבָה טוּן, מִיט זָאגְן תְּהִלִּים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים, וַוייל תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה; "זֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִין, שֶׁבִּימֵי תְּשׁוּבָה דְּהַיְנוּ בֶּאֱלוּל וַעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, כָּל יִשְׂרָאֵל עוֹסְקִין אָז בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה כַּנַּ"ל", דֶערְפַאר - זָאגְט דֶער רֶבִּי - זֶעט מֶען אַז אִין דִי טֶעג פוּן אֱלוּל אוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה אִיז יֶעדֶער עוֹסֵק אִין זָאגְן תְּהִלִּים, וַוייל דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה, "וְעַל כֵּן, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד לַעֲסֹק תָּמִיד בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי תְּהִלִּים הוּא הִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחַז בּוֹ".

וָואס הָאט דָאס מִיט דִיר - וֶוער עֶס בַּאקוּמְט אַן עֲלִיָּה וְכוּ׳, אוּן וֶוער עֶס דַאוֶועְנְט פַארְן עָמוּד וְכוּ׳, וָואס וֶועלְן דִיר דִי זַאכְן הֶעלְפְן? לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ, פַארְגֶעס נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס אוּן דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן. לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְנַארְן, דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ פַארְשְׁטֶעלְט; אֵיינֶעם בַּאדֶערְט דָאס אוּן אַ צְוֵוייטְן בַּאדֶערְט יֶענְץ, אֵיינֶעם שְׁטֶערְט אַז מֶען דַאוֶוענְט לַאנְג, אַ צְוֵוייטְן - אַז מֶען דַאוֶוענְט שְׁנֶעל; אַלֶעס מִיט אֵיין כַּוָּונָה, אַוֶועק נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן - אַבִּי מֶען זָאל פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען עֶס קוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע טֶעג וֶוערְט עֶר זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, זַיין גַאנְצֶע הָארֶעוַואנְיֶע פוּן אַ גַאנְץ יָאר גֵייט יֶעצְט לְאִבּוּד, אַלֶע אִידְן טוּעֶן תְּשׁוּבָה, אַלֶע אִידְן קֶערְן זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַ נֵייעֶ זַאךְ, דֶעם וֶועט בַּאדֶערְן וֶוער עֶס אִיז עוֹלֶה אוּן וֶוער עֶס שְׁמוּעֶסְט, אוּן יֶענֶעם וֶועט מֶען מַאכְן בַּאדֶערְן אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ - אוּן אַזוֹי פַארְגֶעסְט מֶען פוּן תַּכְלִית.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה רֶעכֶענֶען אוֹיס גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס הָאט אַלֶץ פַּאסִירְט אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יא.). רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע אִמָּהוֹת שָׂרָה אִמֵּנוּ,

רָחֵל אִמֵּנוּ און חַנָּה - נִפְקַד גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער; רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז יוֹסֵף אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה; רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט דִי אַרְבֶּעט פַאר דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם; רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען פוֹעֵל'ן קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער און נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער; רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן זַיין אֵייגֶענֶע תְּפִיסָה, אַזוֹי וִוי יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִיז אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה; רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען מֶען פוֹעֵל'ן פַּרְנָסָה בְּנָקֵל, מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן אַזוֹי בִּיטֶער שְׁוֶוער, אַזוֹי וִוי דִי שִׁעְבּוּד מִצְרַיִם הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

בַּיי אוּנְז רֶעדְט מֶען נִישְׁט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ אַ 'תַּעֲנִית דִיבּוּר' אוֹיף גַאנְץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קיג) אֵיידֶער מֶען אִיז גוֹזֵר אַ גְזֵירָה פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף וֶועם מֶען וִויל בְּרֶענְגֶען דִי גְזֵירָה, עֶר זָאל זִיךְ אַלֵיינְס פַּסְקְ'ענֶען וָואס פַאר אַ שְׁטְרָאף מֶען זָאל אִים גֶעבְּן; דֶער מֶענְטְשׁ שְׁמוּעֶסְט פוּן אַנְדֶערֶע, עֶר דֶערְצֵיילְט וָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט גֶעטוּן און עֶר פַּסְקְ'נְט אָפּ אַז מֶען דַארְף יֶענֶעם גֶעבְּן אַ שְׁטְרָאף, עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶר הָאט זִיךְ יֶעצְט אַלֵיינְס גֶע'פַּסְקְ'נְט; דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס פִירְט זִיךְ מִיט דִי הַנְהָגָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### וֶוען אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אוֹיסְצוּטוּן דִי רַשִׁ"י תְּפִילִין בַּיים דַאוֶוענֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה וֶועגְן תְּפִילִין דְּרַבֵּנוּ תָּם. וֶוען אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אוֹיסְצוּטוּן דִי רַשִׁ"י תְּפִילִין און אָנְטוּן דִי רַבֵּינוּ תַּם תְּפִילִין?

אִיךְ זֶע בַּיי מַיין טַאטֶע שֶׁיִּחְיֶ' ווִי עֶר טוּט אוֹיס דִי רַשִׁ"י תְּפִלִּין אִינְמִיטְן דִי הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט דֶערְוֶועגְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר טוּט דָאס נָאר ווַייל עֶר יָאגְט זִיךְ, אָבֶּער לְכַתְּחִילָה דַארְף מֶען בְּלַייבְּן מִיט דִי רַשִׁ"י תְּפִלִּין בִּיז נָאכְן דַאוֶוענֶען; עֶר הָאט מִיר גֶע'עֵצָה'ט צוּ פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיבֶּער דֶעם, אוּן דֶערִיבֶּער ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי עֶס אִיז דִי לְכַתְּחִילָה'דִיגֶע וֶועג צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּקִים וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאגְן, וֶוען מֶען פְרֶעגְט ׳וָואס אִיז דֶער מִנְהָג אִין בְּרֶסְלֶב?׳ עֶנְטְפֶערְט מֶען ׳קוּק אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ׳; וָואס דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ זָאגְט - אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כט): ״כָּל אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי מְחֻיָּב לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם פּוֹסְקִים, וְלֹא יַעֲבֹר״, יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָּב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה, ״וְאִם הוּא אָנוּס וְאֵין לוֹ פְּנַאי, יִלְמַד עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה סְעִיף ׳שֻׁלְחָן עָרוּךְ׳ בְּאֵיזֶה מָקוֹם שֶׁהוּא, אֲפִילּוּ שֶׁלֹּא בִּמְקוֹמוֹ שֶׁהוּא עוֹמֵד עַתָּה בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ״, אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט וְכוּ׳ - זָאל מֶען לֶערְנֶען אַן הֲלָכָה, אֲפִילּוּ נִישְׁט כְּסִדְרָן וואוּ מֶען הַאלְט וְכוּ׳, ״כִּי צָרִיךְ לִלְמֹד אֵיזֶה דִּין בְּ׳שֻׁלְחָן עָרוּךְ׳ בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּל יְמֵי חַיָּיו״, ווַייל מֶען אִיז מְחוּיָּב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה.

דֶער מְחַבֵּר זָאגְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן כה, סְעִיף יג): ״נָהֲגוּ הָעוֹלָם שֶׁלֹּא לַחֲלֹץ תְּפִלִּין עַד אַחַר קְדֻשַּׁת וּבָא לְצִיּוֹן״, מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְטוּן דִי תְּפִילִּין בִּיז נָאךְ קַדִּישׁ תִּתְקַבֵּל, אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט מוֹהֲרַא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אִיךְ קֶען אַלֵיין רוּימֶען דִי אוּיפְגֶעוָוארְפֶענֶע מִיסְט, פַאְרְוָואס מַאכְן מַחֲלֹקֶת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר זֶענֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר צוּפְרִידְן אוּן פְרֵיילִיךְ אַז מִיר הָאבְּן דִי זְכוּת צוּ וואוֹינֶען דָא אִינֶעם הֵיילִיגְן שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, וואוּ מֶען לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס הָאט הַיינְט עֶפֶּעס פַּאסִירְט וָואס אִיךְ וִויל אוֹיף דֶעם הַדְרָכָה עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן קַיין מַחֲלֹקֶת. אִיךְ הָאב פַּיינְט מַחֲלֹקֶת אוּן אִיךְ וִויל נִישְׁט עֶס זָאל חָלִילָה וֶוערְן, אוּן אִיךְ וִויל זִיכֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֵלֶק אִין דֶעם.

פוּן מָאל צוּ מָאל קוּמֶען בֶּערְן אָדֶער אַנְדֶערֶע חַיוֹת אוּן דְרֵייעֶן אִיבֶּער דִי גַארְבֶּעדְזְשׁ אוּן מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ אוּן שְׁמוּץ, עֶס הָאט שׁוֹין פַּאסִירְט בַּיי אוּנְז אַפָּאר מָאל. דִי לֶעצְטֶע צְווֵיי מָאל וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁען הָאב אִיךְ נִישְׁט גוּט גֶעפִילְט אוּן אִיךְ הָאב עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט אַלֵיינְס רֵיינִיגְן, אוּן מַיין מַאן אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר פַארְנוּמֶען אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן אָפְּגֶערֵיינִיגְט גְלַייךְ. בְּעֶרֶךְ אַ טָאג אוּן אַ הַאלְבּ אִיז אַרִיבֶּער בִּיז מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ גֶעלֶעגֶנְהֵייט עֶס צוּ רֵיינִיגְן.

דִי לֶעצְטֶע מָאל וֶוען דָאס הָאט פַּאסִירְט, בַּאקוּמְט מַיין מַאן אַ טֶעקְסְט מֶעסֶעדְזְשׁ אִינְמִיטְן טָאג פוּן אֵיינֶע פוּן דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה: "גַארְבֶּעדְזְשׁ", מַיין מַאן שִׁיקְט צוּרִיק: "וָואס אִיז מִיט דֶעם?" עֶנְטְפֶערְט עֶר: "עֶס אִיז דָא גַארְבֶּעדְזְשׁ אִין פָארְנְט פוּן דַיין הוֹיז", מַיין מַאן עֶנְטְפֶערְט צוּרִיק: "מֵיינְסְט אִיךְ וֵוייס נִישְׁט??" אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט: "בִּיטֶע רוּימְט עֶס אוֹיף".

עֶס הָאט אוּנְז אֱמֶת'דִיג גֶעשְׁטֶערְט, פַאר צְווֵיי סִיבּוֹת. עֶרְשְׁטְנְס, אוֹיב מֶען הָאט עֶפֶּעס צוּ זָאגְן, זָאג עֶס שֵׁיין, מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וָואס יֶענֶער גֵייט דוּרְךְ אוּן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר הָאט עֶס גֶעשְׁרִיבְּן הָאט אוּנְז זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן. דִי צְווֵייטֶע סִיבָּה אִיז, וַוייל מִיר הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר מִישְׁט זִיךְ אַרַיין אִין אוּנְזֶער לֶעבְּן, אַז אַ הַאלְבֶּע טָאג גֵייט אַרִיבֶּער אוּן דִי גַארְבֶּעדְזְשׁ אִיז נִישְׁט אוֹיפְגֶערוּימְט - מֵיינְט נִישְׁט אַז מִיר גֵייעֶן עֶס נִישְׁט טוּן.

עֶס שְׁטֶערְט אוּנְז זֵייעֶר שְׁטַארְק וֶוען עֶס אִיז דָא אַן אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ אִין פָארְנְט פוּן אוּנְזֶער הוֹיז אוּן מִיר דַארְפְן נִישְׁט אֵיינֶער זָאל קוּמֶען אוּנְז זָאגְן עֶס אוֹיפְצוּרוּימֶען, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן אַז עֶס קֶען אַרוֹיסְקוּמֶען אַ שָׁאדְן וֶוען דִי גוֹיִם וֶועלְן בַּאשׁוּלְדִיגְן אַלֶע אִידִישֶׁע אֵיינְוואוֹינֶער צוּלִיב אֵיין מֶענְטְשְׁ'ס גַארְבֶּעדְזְשׁ וָואס אַ בֶּער הָאט בַּאשְׁלָאסְן צוּ מַאכְן

דֶערְפוּן אַ פֵיינֶע סְעוּדָה, אָבֶּער אִיז דָאס דֶען גֶענוּג אַ סִיבָּה זִיךְ אַרַיינְצוּמִישְׁן אִין אַן אַנְדֶערְן מֶענְטְשְׁנְ'ס פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן?!

אָבֶּער, מִיר הָאבְּן עֶס אַרָאפְּגֶעשְׁלִינְגֶען אוּן וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען. לְמַעֲשֶׂה, הַיינְט אִיז עֶס נָאכְאַמָאל גֶעשֶׁען, אַ בֶּער הָאט גֶעמַאכְט אַ חוּרְבָּן פוּן דִי גַארְבֶּעדְזְשׁ נֶעכְטְן נַאכְט, אוּן מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלֶעגְנְהֵייט עֶס צוּ רֵיינִיגְן בִּיז דִי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען אִין בֶּעט בַּיינַאכְט, גֶעוֶוענְלִיךְ ווָאלְט אִיךְ גֶעבֶּעטְן דִי קִינְדֶער זָאלְן עֶס טוּן, אָבֶּער דָאס מָאל אִיז עֶס מַמָּשׁ גֶעוֶוען אוֹיפְן גַאס אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ סַכָּנָה פַאר זֵיי. אִינְדֶערְפְרִי, מַמָּשׁ גֶעצֵיילְטֶע שָׁעוֹת נָאכְדֶעם ווָאס דֶער בֶּער הָאט אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, הָאט דֶער אִינְגֶערְמַאן נָאכְאַמָאל אוּנְז גֶעטֶעקְסְט: "בִּיטֶע רוּמְט אוֹיף דִי גַארְבֶּעדְזְשׁ"; אֶפְשָׁר אִיז עֶס נַארִישׁ, אָבֶּער עֶס הָאט אוּנְז אֱמֶת'דִיג גֶעשְׁטֶערְט, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג צוּ ווִיסְן אַז ווֶען עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט יֶענֶע טֶעקְסְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין בֶּעט מִיט פִיבֶּער; עֶס שְׁטֶערְט אוּנְז זֵייעֶר אַז עֶר מִישְׁט זִיךְ אַרַיין אִין אוּנְזֶער לֶעבְּן, אֲפִילוּ מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן אַז עֶר טוּט עֶס פַאר דִי טוֹבָה פוּן דִי שְׁטֶעטְל.

אִיךְ הָאבּ אִים אָנְגֶערוּפְן אוּן אִים בַּאדַאנְקְט פַאר אַלֶעס ווָאס עֶר טוּט, אוּן גֶעבֶּעטְן שֵׁיינֶערְהֵייט אַז עֶר זָאל בִּיטֶע מֶער נִישְׁט שִׁיקְן אַזֶעלְכֶע מֶעסֶעדְזְשֶׁעס, מִיר ווֶעלְן רֵיינִיגְן אוּנְזֶער גַארְבֶּעדְזְשׁ אִין דִי עֶרְשְׁטֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט מִיט אָדֶער אָן זַיין טֶעקְסְט, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין סִיבָּה צוּ טְשֶׁעפֶּען. עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר טוּט עֶס פַאר דִי קְהִילָּה לְשֵׁם שָׁמַיִם אוּן עֶר בַּאקוּמְט גָארְנִישְׁט פוּן דֶעם אוּן עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶס אִיז פַאר דִי טוֹבָה פוּן דִי קְהִילָּה אַז עֶר זָאל יָא שִׁיקְן דִי טֶעקְסְטְס, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַז עֶס מַאכְט אַ גְרוֹיסֶע חִלּוּל הַשֵּׁם ווֶוען דִי גוֹיִם זֶעעֶן עֶס.

ווֶוען אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס טוּט אוּנְז זֵייעֶר ווֵיי ווֶוען עֶר שִׁיקְט עֶס, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ מִיר ווִילְן קֶען עֶר בֶּעטְן אַ צְוֵוייטְן אַז יֶענֶער זָאל שִׁיקְן דִי טֶעקְסְט, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט דָאס גֶעמֵיינְט, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶערוּפְן בֶּעטְן אַז מֶען זָאל מֶער נִישְׁט שִׁיקְן אַזֶעלְכֶע טֶעקְסְטְס", זָאגְט עֶר מִיר: "דָאס קֶען אִיךְ נִישְׁט טוּן. אִיךְ טוּ עֶס לְשֵׁם שָׁמַיִם פַאר דִי טוֹבַת הַכְּלָל אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא פַארְווָאס צוּ מַאכְן אַזַא מַצָּב פוּן דֶעם, מֶען דַארְף פָּשׁוּט אוֹיפְהוֹיבְּן דִי גַארְבֶּעדְזְשׁ אוּן נִישְׁט מַאכְן קַיין דְרַאמַא", אִיךְ הָאבּ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט דֶעם טֶעלֶעפָאן צֶעמִישְׁט אוּן פַארְוֵוייטָאגְט, "חִלּוּל הַשֵּׁם" אוּן "טוּן לְשֵׁם שָׁמַיִם" זֶענֶען הֶיתֵּרִים צוּ ווֵיי טוּן אַן אַנְדֶערְן מֶענְטְשׁ?!

אִיךְ פְּרוּבִיר זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן אִיבֶּערְצוּטְרַאכְטְן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, עֶר הָאט אוּנְז אֱמֶת'דִיג וֵויי גֶעטוּן, עֶס שְׁפִּירְט אַזוֹי וִוי אֵיינֶער לֵייגְט אַרַיין זַיין נָאז אִין אוּנְזֶער פֶענְסְטֶער צוּ זֶען וָואס מִיר טוּעֶן, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין גוּטֶע גֶעפִיל אַז אֵיינֶער זָאל אוּנְז נָאכְלוֹיפְן צוּ טוּן זַאכְן וָואס מִיר וֵוייסְן אַלֵיין אַז מִיר דַארְפְן עֶס טוּן אוּן מִיר וֶועלְן עֶס סַיי וִוי טוּן גְלַייךְ וֶוען מִיר קֶענֶען, אוּן נָאךְ מֶער אַז מֶען זָאגְט עֶס נִישְׁט שֵׁיין.

אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ בֶּאֱמֶת שְׁלֶעכְט צוּ שְׁטֶערְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיט אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע סִיבָּה פַארְוָואס אִיךְ שְׁרַייב אִיז וַוייל אִיךְ וִויל נִישְׁט עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוערֶע גֶעפִילְן צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן זִיכֶער נִישְׁט אוֹיב אִיךְ בִּין אַ חֵלֶק דֶערְפוּן חַס וְשָׁלוֹם, אִיךְ הָאב פַּיינְט מַחֲלֹקֶת אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן זֵייעֶר אַסַאךְ אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף קֵיינֶעם; אֶפְשַׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּנְז אַרוֹיסְהֶעלְפְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט פַאר אוּנְז אַלֶעמָאל.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ד׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ וֵוייס אַייךְ נִישְׁט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, אוֹיב רוּפְן פוּן דִי הַנְהָלָה עֶנְק זָאלְן צוּזַאמְנֶעמֶען דִי גַארְבִּידְזְשׁ הֵייסְט מַחֲלֹקֶת - וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן... וִוי קוּמְט אַרַיין מַחֲלֹקֶת? וִוי קוּמְט אַרַיין אַרַיינְשְׁטֶעקְן דִי נָאז בַּיי יֶענֶעם אִין פֶענְסְטֶער? מִיר קוּקְן נִישְׁט אַרַיין אִין אַייעֶר פֶענְסְטֶער קוּקְן וִוי אַזוֹי דִי שְׁטוּב בַּיי אַייךְ זֶעט אוֹיס אוּן מִיר זָאגְן נִישְׁט וֶועגְן דִי גְרָאז אַרוּם אַייעֶר שְׁטוּב, אוֹיב עֶס אִיז דָא דָארְט מִיסְט; מִיר בֶּעטְן סַךְ הַכֹּל, נֶעמְט צוּזַאמֶען דִי גַארְבִּידְזְשׁ פוּן דִי שָׁאסֵיי.

אַז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי אוּן מֶען זֶעט אַ בֶּער הָאט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט דִי מִיסְט אוּן עֶס אִיז אַרוּמְגֶעוָוארְפְן אַרוּם דִי שָׁאסֵיי - אִיז נִישְׁטָא קַיין ׳גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶנֶען׳, נִישְׁטָא קַיין ׳גֵיין אַרְבֶּעטְן׳, נִישְׁטָא דִי תֵּירוּצִים ׳שְׁפֶּעטֶער׳ ׳בַּאלְד׳ ׳מָארְגְן׳, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט; מֶען אִיז מְחוּיָּב

צוּזַאמְצוּנֶעמֶען דִי מִיסְט, אוּן אוֹיבּ מֶען טוּט דָאס נִישְׁט - אִיז מֶען גוֹרֵם שָׁאדְן פַּאר אוּנְז אַלֶע. דִי גוֹיִם דִי שְׁכֵנִים הָאבְּן אוֹיף אוּנְז קַיין אֵיין שְׁלֶעכְט וָוארְט צוּ זָאגְן - בִּיז רֵיינְקֵייט, זֵיי שִׁיקְן אַרוּם בִּילְדֶער, זֵיי פַּארְשֶׁעמֶען אוּנְז אוֹיף סָאוֹשֶׁעל מִידִיעֶ, אַז דִי אִידְן זֶענֶען שְׁמוּצִיג; דָאס אִיז דָאךְ אַ וָוארְט וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף אִידְן, 'שְׁמוּצִיגֶע', אוּן זֵיי וַוייזְן בִּילְדֶער, זֵיי זָאגְן אַז מִיר בְּרֶענְגֶען דָא חַיּוֹת, אוּן וֶוען מִיר דַארְפְן נוֹשֵׂא חֵן זַיין בַּיי זֵיי צוּ בַּאקוּמֶען רְשׁוּת פַּאר דִי עָתִיד פוּן שְׁטֶעטְל, צוּ בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת וְכוּ' - זָאגְן זֵיי: "קוֹדֶם נֶעמְט צוּזַאמֶען אַייעֶר מִיסְט", זֵיי פַּארְשֶׁעמֶען אוּנְז.

'בִּיטֶע נֶעמְט צוּזַאמֶען דִי מִיסְט' - אִיז מַחֲלֹקֶת? 'בִּיטֶע נֶעמְט צוּזַאמֶען דִי מִיסְט' - אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיךְ וָואלְט אוֹיךְ גֶעשְׁרִיבְּן, אוּן וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעווּאוּסְט וָואס טוּט זִיךְ בַּיי אַייךְ הַיינְט - וָואלְט אִיךְ אַהִינְגֶעפָארְן דָאס צוּזַאמְנֶעמֶען.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַפָּאר וָואכְן צוּרִיק אוֹיפְן וֶועג צוּ דִי חֵדֶר, דִי מְלַמְדִים הָאבְּן גֶעוַוארְט אוֹיף מִיר, אוּן אִיךְ פָאר אַרִיבֶּער אַ שְׁטוּבּ וואוּ דֶער בֶּער הָאט אוֹיסְגֶעוָוארְפְן דִי מִיסְט אוֹיפְן שָׁאסֵיי, הָאבּ אִיךְ אַלֶעס אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אִיךְ הָאבּ דָאס אַלֶעס צוּזַאמְגֶענוּמֶען. פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעפָארְן אוּן גֶעזֶען ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה נֶעמְט צוּזַאמֶען מִיסְט, הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַלֶע אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט מִיר הֶעלְפְן, הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעזָאגְט: "יֶעצְט גֶעבּ אִיךְ נִישְׁט אַוֶועק דִי מִצְוָה, אַז אִיר ווִילְט מִיר הֶעלְפְן קֶענְט אִיר דָאס טוּן אֵיידֶער אִיךְ טוּ דָאס".

זַייט מִיר מוֹחֵל, אִיךְ זֶע נִישְׁט דָא קַיין מַחֲלֹקֶת, אִיךְ זֶע נִישְׁט דָא קַיין אַרַיינְשְׁטֶעקְן דִי נָאז בַּיי יֶענֶעם. דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה זֶענֶען טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט וָואס אַרְבֶּעטְן פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה בְּלִי גוּזְמָא פַּאר דֶער עָתִיד פוּן דִי שְׁטֶעטְל, זֵיי מַאכְן גָארְנִישְׁט פוּן דֶעם, מֶען הָאט אוֹיף זֵיי נָאר טַעֲנוֹת. וֶוען אַלֶע גֵייעֶן אַהֵיים נָאךְ אַ טָאג אַרְבֶּעט פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער - זֶענֶען זֵיי פַּארְנוּמֶען מִיט הִשְׁתַּדְּלוּת בַּיי אַלֶע אָפִּיסֶעס; אִיךְ אַלֵיינְס טוּ נִישְׁט אַזוֹי סַאךְ ווִי זֵיי טוּעֶן פַּאר אוּנְז.

'בִּיטֶע נֶעמְט צוּזַאמֶען דִי מִיסְט' - אִיז נִישְׁט שֵׁיין גֶעשְׁרִיבְּן? עֶס אִיז דִי

שֶׁענְסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען יֶענֶעם הֶעלְפְן. אֵיין זַאךְ טְרַאכְט אִיךְ, אִיךְ וֶועל זֵיי בֶּעטְן זֵיי זָאלְן עֶנְדֶערְשׁ אָנְרוּפְן דֶעם מֶענְטְשׁ - וִוי שְׁרַייבְּן אַ מֶעסֶעדְזְשׁ, וַוייל אַ מֶעסֶעדְזְשׁ קֶען מֶען לֵיינֶען אוֹיף צְוֵויי וֶועגְן; אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נֶערְוֶועז אוּן אָנְגֶעצוֹיגְן - לֵיינְט מֶען דָאס נֶעגֶעטִיוו, כְּאִילוּ אֵיינֶער טֵיילְט מִיר אֵיין וָואס צוּ טוּן, אוּן אוֹיב מֶען אִיז אִין אַ גוּטֶע גִיסְטֶע, מֶען טְרַאכְט גוּט, מֶען טְרַאכְט 'קוּק וִוי שֵׁיין דִי שְׁטֶעטְל פִּירְט זִיךְ, מֶען זָארְגְט פַּאר אוּנְזֶער טוֹבָה, מִיר זָאלְן נִישְׁט פַאְרשֶׁעמְט וֶוערְן פוּן צְווִישְׁן דִי גוֹיִם אוּן אוֹיךְ צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען דֶערְמַאנְט אוּנְז אַזוֹי שֵׁיין אַז מֶען זָאל צוּזַאמְנֶעמֶען דִי מִיסְט', אִיז אֶפְשָׁר זָאל מֶען עֶנְדֶערְשׁ אָנְרוּפְן יֶענֶעם.

אִיךְ וִויל זֵייעֶר דִי בְּרִיוו זָאלְן אַלֶע לֵיינֶען אוּן אַלֶע זָאלְן וִויסְן אַז אוֹיב עֶס אִיז שְׁמוּצִיג אוֹיפְן שָׂאסֵיי - אִיז דָאס אַ גֶעפֶערְלִיכֶע זַאךְ, מֶען פַארְשֶׁעמְט זִיךְ אוּן מֶען פַארְשֶׁעמְט אַלֶעמֶען. אֲפִילוּ אִידְן וָואס פָארְן אַרִיבֶּער זָאגְן: "בְּרֶסְלֶבְ'עֶ שְׁמוּצִיגֶע מֶענְטְשְׁן", קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט אַז מֶענְטְשְׁן אִין שְׁטוּב הָאבְּן פִּיבֶּער וְכוּ' וְכוּ', דִי פְלֶעק בְּלַייבְּט.

אוֹיב דִי מִיסְט אִיז אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט בַּיי אַ מִשְׁפָּחָה וָואס פִירְן זִיךְ עֶרְלִיךְ, דֶער מַאן לֶערְנְט אוּן דַאוֶונְט אוּן דִי וַוייבּ גֵייט אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת - אִיז דִי אַחְרָיוּת פִּי כַּמָּה, וַוייל אַלֶע זָאגְן 'קוּק אָן דִי מֶענְטְשְׁן וִוי זֵיי פִירְן זִיךְ'.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, קֵיינֶער מַאכְט נִישְׁט קַיין מַחֲלֹקֶת אוּן קֵיינֶער זוּכְט עֶנְק נִישְׁט אַיינְצוּטֵיילְן וִוי צוּ לֶעבְן; גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אוּנְזֶער נָאמֶען עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן הֶעלְפְן דֶעם יֶערְלִיכְן קָאמְפֵּיין פַאר דִי מוֹסְדוֹת**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד הָאַבְרֵךְ הַחָשׁוּב ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ דַאנְק דִיר זֵייעֶר בְּשֵׁם אוּנְזֶער גַאנְצֶע קְהִילָה, וּבְשֵׁם אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת - פַארְן זִיךְ אַזוֹי אַוועק גֶעבְן בְּלֵב וָנֶפֶשׁ מִיטְן יֶערְלִיכְן קָאמְפֵּיין צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסָד.

...

**דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**... תִּחְיֶ'**

זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים אוּן דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר אַלֶעס בֶּעטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

**דוּ רַאטֶעוֶועסְט דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל פוּן שְׁלֶעכְטְס, מִיט דִי חֶסֶד וָואס דוּ טוּסְט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּשֵׁם כָּל הַקָּהָל הַקּוֹדֶשׁ, בְּשֵׁם אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער פוּן אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, דְרִיקְן מִיר אוֹיס אוּנְזֶער הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר דִיר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט, אַז עֶס זָאל זַיין עֶסְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן פַאר דִי שַׁבָּת פֶּעקְלֶעךְ, וָואס מִשְׁפָּחוֹת וָואס דַארְפְן הִילְף - בַּאקוּמֶען וֶועכְנְטְלִיךְ, אוּן פַאר דִי גְרוֹיסֶע פֶּסַח חֲלוּקָה אוּן פַאר דִי פֶּסַח גֶעלְט; פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט פַאר אוּנְז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְן כֹּחַ אוּן מֹחַ צוּ קֶענֶען וַוייטֶער טוּן גוּטְס פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דוּ רַאטֶעוֶועסְט אוּנְזֶער גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל פוּן שְׁלֶעכְטְס מִיט דִי חֶסֶד וָואס דוּ טוּסְט.

...

**אַ תְּפִלָּה בַּיים אָפְּשֵׁיידְן חַלָּה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן
מָרַת ... תִּחְיֶ׳

**יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ, עֶס זָאל זַיין דֶער ווילְן פוּן דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִין דִי זְכוּת פוּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן אָפְּשֵׁיידְן חַלָּה - זָאל פַארְרָאכְטְן וֶוערְן דִי פְּגַם פוּן חַוָּה, וָואס הָאט אִיבֶּערְגֶעטְרֶעדְט אָדָם הָרִאשׁוֹן צוּ גֵיין קֶעגְן דִי ווילְן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיט דֶעם הָאט זִי גוֹרֵם גֶעוֶוען עֶס זָאל זַיין שְׁטַארְבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט; דֶערִיבֶּער זָאל דִי זְכוּת פוּן אָפְּשֵׁיידְן חַלָּה בְּרֶענְגֶען דִי גְּאוּלָּה, וָואס דַאן וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין דִי זַאךְ פוּן שְׁטַארְבְּן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט** (יְשַׁעְיָה כה, ח) **: "בִּלַּע הַמָּוֶת לָנֶצַח".**

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר, בִּזְכוּת וָואס אִיךְ שֵׁייד אָפּ חַלָּה זָאל**

אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת אוּן אִיךְ זָאל הָאבְּן מַיינֶע קִינְדֶער בְּנָקֵל וּבְנַחַת. מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי זָאלְן גֵיין אִין דִי תּוֹרָה וֶועג, זֵיי זָאלְן אַלֶע לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, אֱמוּנַת חֲכָמִים אוּן אַהֲבַת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, לֵייז אוּנְז שׁוֹין אוֹיס פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת; מִיר זֶענֶען אִין אַזַא שְׁוֶוערֶע צַייט, מִיר זֶענֶען אַ בִּיטֶערֶע רַחְמָנוּת, כִּי אַתָּה הוּא בַּעַל הָרַחֲמִים, דוּ בִּיסְט דֶער רַחְמָנוּת'דִיגֶער טַאטֶע, בַּאוַוייז זִיךְ שׁוֹין צוּ אוּנְז אוּן שִׁיק שׁוֹין מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ זָאל אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.

...

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן פוּן מַיין מַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

זָאגְט אַבִּיסְל תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי פָּאר וֶוערְטֶער:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, לֵייג אוֹיף מַיין מַאן אַ חֵן, אִיךְ זָאל אִים לִיבּ הָאבְּן אוּן עֶר זָאל מִיךְ לִיבּ הָאבְּן; מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מִיט שָׁלוֹם אוּן שַׁלְוָה.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, מַאךְ מִיךְ צוּפְרִידְן, אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן פוּן מַיין מַאן, אִיךְ זָאל זֶען אִין אִים נָאר גוּטְס. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַאךְ רוּעֶן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה צְוִוישְׁן אוּנְז, אָמֵן".

דִי תְּפִלָּה זָאלְט אִיר זָאגְן נָאכְן זָאגְן תְּהִלִּים, וֶועט אִיר הָאבְּן אַ הֶערְלִיכֶע שָׁלוֹם בַּיִת.

...

### זוּכְט וִוי מֶער צוּ הֶעלְפְן אַייעֶר מַאמֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט פָארִיגֶע וָואךְ שַׁבָּת דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל סֵפֶר תְּהִלִים.

נָאךְ מֶער פְרֵיי אִיךְ זִיךְ אַז אִיר שְׁרַייבְּט אִיר הָאט קוֹים צַייט וֶוען צוּ זָאגְן תְּהִלִים, וַוייל אַ גַאנְצְן צַייט הֶעלְפְט אִיר אַייעֶר מַאמֶע; וִויסְן זָאלְט אִיר, נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי הֶעלְפְן אַ מַאמֶע, אִיר זָאלְט אַ גַאנְצְן צַייט הֶעלְפְן אַייעֶר מַאמֶע, אוּן אִיר זָאלְט זוּכְן וָואס מֶער אִיר צוּ הֶעלְפְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל מִיר זָאלְן טוּן דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

דֶער הֵיילִיגֶער חֲזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, אַמָאל הָאט אִים אֵיינֶער גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי וַואקְסְט מֶען אוֹיף אַ חֲזוֹן אִישׁ?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "דוּרְךְ דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם"; עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִי מִצְוָה אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר גְרוֹיס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### מַאךְ צוּ דַיינֶע אוֹיגְן אוּן טְרַאכְט, 'אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער'

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

חֲזֵר זִיךְ אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, מַאךְ צוּ דַיינֶע אוֹיגְן יֶעדְן טָאג פַאר אֵיין מִינוּט אוּן טְרַאכְט 'אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער אִים', נָאכְדֶעם עֶפְן דַיינֶע אוֹיגְן אוּן וָואס דוּ זֶעסְט - זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן 'אַלֶעס אִיז

אֵייבֶּערְשְׁטֶער׳ - וֶועט דִיר אַלֶעס זַיין גוּט, וֶועסְט הָאבְּן כֹּחַ אוּן זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

...

### מֶען מַאכְט מִיט דִי הֶענְט אוּן פִּיס, אָבֶּער פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעדֶענְק, פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר דַארְפְן מַאכְן מִיט דִי הֶענְט אוּן פִּיס - אָבֶּער דִי פַּרְנָסָה הָאט נִישְׁט מִיט אוּנְז, עֶס אִיז פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

### אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי אַ פָּאנְטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תפה): ״אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי אַ פָּאנְטְשׁ״, אַ גוּטֶע טְרִינְק וָואס שְׁטִילְט דִי דוּרְשְׁט.

...

**טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט קֵיינֶעם, אוּן זִיכֶער נִישְׁט קֵיין שְׁכֵנִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז דִי מֵיידְלֶעךְ, דִי שְׁכֵנוֹת טְשֶׁעפֶּען אַייךְ - זָאלְט אִיר נִישְׁט צוּרִיק טְשֶׁעפֶּען; שְׁפִּילְט מִיט אַייעֶרֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער אוּן מִיט קִינְדֶער וָואס טְשֶׁעפֶּען נִישְׁט.

טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט קֵיינֶעם אוּן זִיכֶער נִישְׁט קֵיין שְׁכֵנִים, מִיט שְׁכֵנִים מוּז מֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם. אִיר זָאלְט נִישְׁט צוּרִיק טְשֶׁעפֶּען, הָאט נִישְׁט מוֹרָא, בַּיים סוֹף וֶועלְן דִי אַלֶע שְׁכֵנִים וָואס טְשֶׁעפֶּען - וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה, סִימָן כח): "מִי שֶׁחוֹלֵק עִם שְׁכֵנָיו", וֶוער עֶס קְרִיגְט זִיךְ מִיט זַיינֶע שְׁכֵנִים - "לְסוֹף שֶׁיִּהְיֶה לַעַג לְאוֹיְבָיו", בַּיים סוֹף וֶועט עֶר וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט.

בֶּענְטְשְׁט אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער, זָאגְט אַרוֹיס שֵׁיין אוּן קְלָאר יֶעדֶעס וָוארְט - וֶועט אִיר נִישְׁט הָאבְּן קֵיין מַחֲלֹקֶת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם חֵלֶק ב׳, סִימָן ז): "עַל יְדֵי בִּרְכַּת הַמָּזוֹן", דוּרְךְ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן - "נִתְיַשֵּׁב הַמַּלְכוּת מִן הַמְּרִיבוֹת וְהַמִּלְחָמוֹת", עֶנְדִיגְן זִיךְ דִי קְרִיגֶערֵייעֶן אוּן מִלְחָמוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**מִיט וֶועלְכֶע סָארְט צוּדֶעק דַארְף אַ פְרוֹי זִיךְ צוּדֶעקְן דִי קָאפּ?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי תּוֹרָה זָאגְט, אַ פְרוֹי פוּן וֶוען זִי הָאט חֲתוּנָּה - דַארְף זִי צוּדֶעקְן דִי הָאר פוּן קָאפּ. עֶס אִיז אַן אָפֶענֶע מִשְׁנָה (כְּתוּבּוֹת עב.): "וְאֵלּוּ יוֹצְאוֹת שֶׁלֹּא בִכְתֻבָּה", דִי פְרוֹיעֶן וֶוען זֵיי גֶעטְ'ן זִיךְ - בַּאקוּמֶען זֵיי נִישְׁט קֵיין כְּתוּבָּה גֶעלְט, "הָעוֹבֶרֶת עַל דַּת מֹשֶׁה וִיהוּדִית", אַ פְרוֹי וָואס פָאלְגְט נִישְׁט דִי תּוֹרָה, "וְאֵיזוֹהִי דַּת יְהוּדִית, יוֹצְאָה וְרֹאשָׁהּ פָּרוּעַ", אַז זִי גֵייט מִיט אַן אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע קָאפּ; גֵיין צוּגֶעדֶעקְט דִי קָאפּ אִיז דַּת יְהוּדִית, דָאס אִיז דִי גַּאֲוָה פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן, דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁטָאלְץ - צוּ גֵיין צוּגֶעדֶעקְט דִי הָאר פוּן קָאפּ.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר פְרַאגֶע אוֹיב מֶען זָאל זִיךְ דַוְקָא צוּדֶעקְן מִיט אַ גֶעוִויסֶע סָארְט צוּדֶעק, אוּן אוֹיבּ דִי נַייעֶ צוּדֶעק אִיז אַ חִסָּרוֹן אִין צְנִיעוּת; דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, אַ שְׁנִיעֶל, בֶּענְדֶענֶע אָדֶער סְנוּד, דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אִין צְנִיעוּת הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט; עֶס אִיז פִּינְקְט אַזוֹי וִוי גֵיין אַ טוּרְבַּאן, סְפָּאנְדְזְשׁ טִיכְל וְכַדּוֹמֶה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיטְאַרְבֶּעטְן מִיט דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה אִין שְׁטֶעטְל**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מִיר הֶעלְפְן אִין שְׁטֶעטְל מִיט דִי וַואלְן, אַ גְרוֹיסֶער יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מִיט אַרְבֶּעטְן מִיט דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה וָואס הֶעלְפְן מִיר מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ יוֹמָם וָלַיְלָה.

זָאג יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים - וֶועסְטוּ זֶען נִיסִים.

...

**ווילְסְט פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח? זָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

**ווילְסְט פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח? זָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג.**

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען ווִיפִּיל דוּ קֶענְסְט דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן.

מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט: "דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן - בְּרֶענְגְט דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן".

...

**אִיךְ פְּרוּבִּיר נָאכְאַלְץ צוּ מַאכְן פַאר דִיר אַ שִׁידוּךְ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר נָאכְאַלְץ צוּ מַאכְן פַאר דִיר אַ שִׁידוּךְ, אִיךְ הָאף צוּ זַיין דַיין שַׁדְכָן.

דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ.

...

**בִּזְכוּת מַאכְן בְּרָכוֹת, וֶועט אִיר מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אִיר הָאט מוֹרָא בַּיינַאכְט, אִיר קֶענְט נִישְׁט שְׁלָאפְן פוּן שְׁרֶעק - זָאלְט אִיר טְרַאכְטְן פוּן אֱמוּנָה; טְרַאכְטְס 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר, עֶר הִיט מִיךְ, עֶר אִיז דָא, קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן'.

נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ מַאכְן פַאר בְּרָכוֹת און נָאךְ בְּרָכוֹת, וַוייל אוֹיב מֶען פַארְגֶעסְט צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת בַּיים עֶסְן, מֶען עֶסְט אָן אַ פָאר בְּרָכָה אָדֶער מֶען פַארְגֶעסְט צוּ מַאכְן אַ נָאךְ בְּרָכָה - פוּן דֶעם קוּמְט שְׁרֶעק. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת פַּחַד, סִימָן יד): "מִי שֶׁאֵינוֹ נִזְהָר בְּבִרְכַּת הַנֶּהֱנִין", וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְנְט צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת בַּיים עֶסְן, "תְּחִלָּה", פָאר בְּרָכוֹת, "וָסוֹף", און נָאךְ בְּרָכוֹת - "פְּחָדִים בָּאִים עָלָיו", וֶועט עֶר הָאבְּן פְּחָדִים; אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים נג, ה-ו): "אָכְלוּ לֶחֶם, אֱלֹקִים, לֹא קָרָאוּ", אַז מֶען עֶסְט בְּרוֹיט און מֶען דַאנְקְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - "שָׁם, פָּחֲדוּ פַחַד", וֶוערְט מֶען דֶערְשְׁרָאקְן.

בִּזְכוּת מַאכְן בְּרָכוֹת וֶועט אִיר מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### טוּט נִישְׁט קַיין סַכָּנָה'דִיגֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵּיגָא שֶׁתִּחְיוּ**

אִיר זֶענְט גְרוֹיסֶע קִינְדֶער, דַארְפְט אִיר פַארְשְׁטֵיין נִישְׁט צוּ טוּן קַיין סַכָּנָה'דִיגֶע זַאכְן. עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיפְן דַאךְ פוּן סְקוּל און טַאנְצְן, און אַזוֹי אוֹיךְ אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיפְן דַאךְ פוּנֶעם בָּאס אִין טַאנְצְן; אִיךְ ווִיל נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס קֶען פַּאסִירְן חַס וְחָלִילָה אַז אַ קִינְד פַאלְט אַרָאפּ, מֶען קֶען זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן דִי בֵּיינֶער, און אוֹיךְ אִיז דָאס אַ סַכָּנָה פַאר אוּנְזֶער גַאנְצֶע מוֹסָד; אַ שָׁכֵן אַ גוֹי הָאט אַרַיינְגֶערוּפְן זָאגְן 'וָואס גֵייט פָאר? מֵיידְלֶעךְ קְרִיכְן אַרוֹיף אוֹיפְן דַאךְ פוּן סְקוּל! עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין צוֹים און עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה!' אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן גוּט פַארְשֶׁעמְט.

אִיךְ ווִיל אִיר זָאלְט הָאבְּן הַנָאָה, און טַאנְצְן און שְׁפְּרִינְגֶען, אָבֶּער טוּט

נִישְׁט קַיין סַכָּנָה'דִיגֶע זַאכְן. אִיר זֶענְט גְרוֹיסֶע קִינְדֶער, אִיר דַארְפְט פַארְשְׁטֵיין ווִי צוּ טַאנְצְן און ווִי צוּ מַאכְן לֶעבֶּעדִיג; דָאס קֶען מֶען נִישְׁט טוּן, אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיפְן בָּאס אָדֶער אוֹיפְן דַאךְ.

אִיךְ בֶּעט אֶנְק, הֶעלְפְט מִיר, מַאכְט מִיר גְרִינְגֶער דִי אַרְבֶּעט - נִישְׁט שְׁוֶוערֶער.

...

**דִי פֵייעֶר בַּארוּאִיגְט זִיךְ, מֶען הוֹיבְּט אָן זֶען דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אַן אֵיידֶעלֶע שְׁטוּב**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס דָאס וָואס עֶס קָאכְט אִין דִיר וְכוּ', דוּ ווִילְסְט אֵיין מִינוּט דַיין ווַייבּ זָאל זִיךְ טוֹישְׁן אִיר אֵיידֶעלֶע לְבוּשׁ וְכוּ', און אֵיין מִינוּט טְרַאכְסְטוּ 'וָואס פֶעלְט עֶס אוֹיס?' און נָאכְדֶעם ווַייטֶער הוֹיבְּט אָן קָאכְן אַ פֵייעֶר אִין דִיר, דַיין ווַייבּ זָאל גֵיין אַזוֹי און אַזוֹי, בִּיז דוּ שְׁפִּירְסְט ווִי עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט אִיז מִיט דִיר, דוּ פְרֶעגְסְט וָואס אִיז דָאס?

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דִי גֶעפִיל אִיז דָא בַּיי אַסַאךְ; אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט אִין דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבְּן דִי זַאךְ, עֶס קָאכְט אַ פֵייעֶר, זֵיי ווֵייסְן נִישְׁט וָואס זֵיי ווִילְן; מֶען ווֵייסְט נִישְׁט דִי מַעֲלָה פוּן אֵיידְלְקֵייט, מֶען מֵיינְט עֶפֶּעס פֶעלְט אִין לֶעבְן און מֶען טְרַאכְט דִי ווַייבּ אִיז דִי פְּרָאבְּלֶעם, זִי גֵייט צוּ פָּשׁוּט וְכוּ' וְכוּ'.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶס קָאכְט אִין מִיר אַ פֵייעֶר, אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס מִיט מִיר אִיז, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן אֵיידְלְקֵייט, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן צְנִיעוּת, פַארְוָואס בְּרֶענְט אִין מִיר אַ נִישְׁט גוּטֶע פֵייעֶר? הֶעלְף מִיר

אִיךְ זָאל קָאכְן אוּן בְּרֶענֶען צוּ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דִיר, אוּן לִיבּ הָאבְּן אֵיידְלְקֵייט.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער וָואס אִיז דָאס מִיט מִיר אַז אִיךְ וֶוער אַזוֹי פַּארְבְּרֶענְט? אִיךְ ווִיל נָאר מַיין וַוייבּ זָאל זַיין אַנְדֶערְשׁ, יֶעדְן טָאג ווִיל אִיךְ עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ; אִיךְ טְרַאכְט אַז עֶפֶּעס פֶעלְט מִיר אוּן עֶפֶּעס בֶּעסֶערְס אִיז דָא בַּיי אַנְדֶערֶע, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פְלַאקֶערְן פַאר דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ זָאל אוֹיסְגֵיין פַאר דִיר". אַזוֹי זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג אוּן נַאכְט בִּיז דוּ וֶועסְט אוֹיסַארְבֶּעטְן דִי בְּלוּט, דוּ וֶועסְט שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן אַיינְזֶעען דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אֵיידְלְקֵייט.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, בִּיסְט דָאךְ אַ פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶער אִינְגֶערְמַאן, בִּיסְט אַ בַּר דַעַת, זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען; טְרַאכְט אַרַיין וָואס פַאר אַ נֵס דוּ הָאסְט, אַז דַיין וַוייבּ לֶעבְּט מִיט דִיר וְכוּ׳, זִי גְרוֹיסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף דִיר וְכוּ׳, דַארְפְסְטוּ נִישְׁט מֶער; לֵיידֶער זֶענֶען הַיינְט דָא אַזוֹיפִיל אִינְגֶעלַייט וָואס דִי וַוייבּ אִיז אַ מוֹרֶדֶת, עֶס אִיז נִישְׁטָא דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): "דַיֵּינוּ שֶׁמַּצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", אַז דִי וַוייבּ הִיט פוּן עֲבֵירוֹת; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס זֵיי לַיידְן, זֵיי לֶעבְּן נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם, אוּן מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְקַנֵּא, וַוייל מֶען זֶעט דָאס נִישְׁט פוּן אִינְדְרוֹיסְן. אִינְדְרוֹיסְן דַאכְט זִיךְ אַז זֵיי הָאבְּן אַ מֶעכְטִיגֶע שָׁלוֹם בַּיִת, זֵיי זֶענֶען גְלִיקְלִיךְ, זֵיי גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן אוֹיסְגֶעפִּיצְט וְכוּ׳, וֶוען עַל פִּי תּוֹרָה קוּמְט זִיךְ נִישְׁט קַיין כְּתוּבָּה פַאר דִי וַוייבּ פַּארְן זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; אִיז וָואס זָאלְסְטוּ קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, ווִי אַזוֹי אַנְדֶערֶע גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן? דוּ הָאסְט אַן אֵשֶׁת חַיִל, אַ מַתָּנָה פוּן הִימְל, זִי לֶעבְּט מִיט דִיר - דַארְפְסְטוּ אִיר מְכַבֵּד זַיין אוּן אִיר שֶׁעצְן.

נָאךְ אַפָּאר יָאר וֶוען דִי נִישְׁט גוּטֶע פֵייעֶר לֶעשְׁט זִיךְ אוֹיס, הוֹיבְּט מֶען אָן זֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט אוּן דָאס טֵייעֶרְקֵייט פוּן אַן אֵיידֶעלֶע שְׁטוּבּ, פוּן אַן אֵיידֶעלֶע פְרוֹי, אַ וַוייבּ וָואס וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דִי וֶועלְט, אִיר קָאפּ לִיגְט אִין שְׁטוּבּ, זִי טוּט דִי שְׁטוּבּ וִוירְטְשַׁאפְט, זִי אִיז גְרֵייט פַאר אִיר מַאן, זִי אִיז אַ מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער; מֶען הוֹיבְּט אָן קוּקְן אוֹיף דִי לֶעבְּן רִיכְטִיג.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת, זִיץ אִין שְׁטוּבּ מִיט אַ הוֹיפְן סְפָרִים; אַ

חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא, מֶדְרָשִׁים און סִפְרֵי רַבֵּינוּ. שְׁפַּאצִיר אִין דִי תּוֹרָה אַזוֹי ווִי מֶען שְׁפַּאצִירְט אִין אַ שֵׁיינֶע גָארְטְן, און דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ אֵיידְל און בַּאשֵׁיידְן - וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן, דוּ וֶועסְט זַיין גְלִיקְלִיךְ און צוּפְרִידְן.

לֵיין דִי בְּרִיווּ כַּמָּה פְּעָמִים און זַיי מְקַיֵּים ווָאס שְׁטֵייט דָא, וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אִין לֶעבְן, דוּ וֶועסְט זַיין גְלִיקְלִיךְ און צוּפְרִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**זָאלְסְט זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ זַיין פוּן הַיינְט דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער צַדִיק, מַיין טַייעֶרְקֵייט, מַיין טַייעֶרֶער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס טוּט מִיר וֵויי צוּ הֶערְן פוּן דַיין מְלַמֵּד שְׁלִיטָ״א אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַזוֹי דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג.

אִיךְ בִּין טַאקֶע זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דַיין הַתְמָדָה, פוּן דַיין לֶערְנֶען, אָבֶּער ווִיסְן זָאלְסְטוּ מַיין טַייעֶרֶער זוּן, דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג, דֶרֶךְ אֶרֶץ קוּמְט בֶּעפָאר תּוֹרָה.

אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ זַיין פוּן הַיינְט דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג, און זָאלְסְט אִיבֶּערְבֶּעטְן דַיין מְלַמֵּד.

פוּן דַיין טַאטֶע ווָאס הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

...

## תְּשׁוּבָה טוּן מֵיינְט זַיין צוּפְרִידְן, זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַיין בַּאבֶּע רָחֵל לֵאָה טֵייטְלְבּוֹים עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם פְלֶעגְט אוּנְז אַלְץ זָאגְן: "תְּשׁוּבָה טוּן מֵיינְט 'זַיין צוּפְרִידְן', תְּשׁוּבָה טוּן אִיז 'מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֵוייסְט אוּן מֶען גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּט'".

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקנה): "דוּ וֵוייסְט וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד"; אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ - אִים הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן, אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין עֵצָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ וֵוייס אוּן פַארְשְׁטֵיי אַז אִיר גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג, אִיר הָאט מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ וְכוּ' וְכוּ'; אָבֶּער זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין עֵצָה, וַוייל וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דָא - אִיז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט נָאךְ שְׁוֶוערֶער.

אִיךְ הָאבּ אַייךְ אַ בֶּעסֶערֶע עֵצָה, דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעט): "אַז עֶס אִיז גָאר בִּיטֶער אִיז מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְּרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "אֵיךְ מְבַטְּלִין עַצְמוֹ", וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְבַטֵּל? הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מֶען פַארְמַאכְט זִיךְ

דָאס מוֹיל אוּן דִי אוֹיגְן - דָאס אִיז בִּיטוּל"; דָאס הֵייסְט מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה, מֶען חַזֶר'ט 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא', 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס', 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט', 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נָאר גוּט'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### שְׁרֵייַ נִישְׁט אוֹיף מִיר, אִיךְ בִּין דַיין וַוייבּ, נִישְׁט קַיין דִינְסְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אִיר הָאט אַ וואוּילֶער מַאן, עֶר אִיז פוּל מִיט גוּטֶע זַאכְן, עֶר הָאט נָאר דִי אֵיין זַאךְ, עֶר פַארְלִירְט זִיךְ אוּן עֶר טְרַאכְט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, עֶר קֶען זִיךְ צֶעשְׁרֵייעֶן: "קוּם דִי מִינוּט", "אוֹיבּ דוּ קוּמְסְט נִישְׁט דִי מִינוּט - לָאז אִיךְ דִיךְ אִיבֶּער"; עֶר מֵיינְט נִישְׁט וָואס עֶר שְׁרֵייט, עֶר וֶוערְט פַארְלוֹירְן, אָבֶּער עֶכְט הָאט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ גוּטְס.

אוֹיבּ אִיר וֶועט הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן דָאס נִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ, אִיר וֶועט אִים וַוייטֶער לִיבּ הָאבְּן אוּן אִים שֵׁיינֶערְהֵייט זָאגְן: "שְׁרֵייַ נִישְׁט אוֹיף מִיר, אִיךְ בִּין דַיין וַוייבּ אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין דִינְסְט" - וֶועט עֶר זִיךְ טוֹישְׁן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין לִיבְשַׁאפְט צְוִוישְׁן עֶנְק; מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט סַבְלָנוּת קֶען מֶען אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם גוּטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### רֶעדְן נָאר אֵיידְל, אוּן זִיךְ פִירְן אֵיידְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

רֶעדְט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם פוּן זַאכְן וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט נוֹגֵעַ פַּאר אַייךְ, רֶעדְט נִישְׁט פוּן זַאכְן פוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה; וָואס זוּכְט אִיר קָאפּ וֵויי? זוּכְט גוּטֶע חַבֶרְטֶ׳עס, רֶעדְט נָאר אֵיידֶעלֶע זַאכְן.

אַז אִיר וֶועט זִיךְ פִירְן אֵיידְל, אִיר וֶועט נָאר רֶעדְן אֵיידְל, אִיר וֶועט זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר, אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אֵיידְל מִיט גוּטֶע מִידוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### אַ שָׁאד דַיין זָארְג, עֶס וֶועט דִיר סֵיי ווִי נִישְׁט הֶעלְפְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, קֵיינֶער קֶען דִיר גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט דִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טְרַאסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַ שָׁאד צוּ זָארְגְן, זִיךְ אוֹיפְעֶסְן דִי קִישְׁקֶעס. אַ שָׁאד דַיין זָארְג, עֶס וֶועט דִיר סֵיי ווִי נִישְׁט הֶעלְפְן, זָארְגְן טוּט נָאר אָפְּשְׁוַואכְן דֶעם מֶענְטְשׁ. גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּ דִיר, אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן צֶעמִישְׁט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל דִיךְ

טְרָאסְטְן, אִיךְ זָאל וִויסְן אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר אוּן דוּ מַאכְסְט מִיר נָאר גוּט״.

מִיר פָארְן דָאךְ יֶעצְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דָארְט וֶועסְטוּ פּוֹעֵל׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַרַיינְבְּלָאזְן אַ חַיּוּת אִין דִי מְלַמְּדִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ג׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר וָואס דוּ טוּסְט מִיט דִי מְלַמְּדִים, זֵיי הָאבְּן אַלֶע אוֹיפְגֶעלֶעבְט, זֵיי זָאגְן עֶס אִיז גָאר גֶעשְׁמַאק אִין חֵדֶר; דוּ בְּלָאזְט אַרַיין אִין דִי מְלַמְּדִים אַ חַיּוּת, אַזוֹי קֶענֶען זֵיי אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ חַיּוּת.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; אַוַודַאי זָאלְן דִי מְלַמְּדִים זִיךְ לֶערְנֶען בַּיי הָרַב ... וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען עִבְרִי פַאר קִינְדֶער, וָואס אִיז דִי פְּרַאגֶע? דָאס אִיז דָאךְ דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, אוֹיבּ אַ קִינְד כַאפְּט נִישְׁט אוֹיף עִבְרִי - וֶועט עֶר זִיךְ פַּיינִיגְן אַלֶע יָארְן אִין חֵדֶר אוּן אוֹיךְ נָאכְדֶעם.

זָאג פַאר דִי מְלַמְּדִים וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער עִבְרִי - זֵיי זָאלְן אַלֶע גֵיין צוּ דִי קוּרְס פוּן הָרַב ... אוּן דִי מוֹסָד וֶועט דָאס בַּאצָאלְן.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; אַ מְלַמֵּד וָואס וִויל נִישְׁט מִיט אַרְבֶּעטְן מִיט דִיר - זָאלְסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן וָואס שְׁנֶעלֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זַייט חַבֶרְ'טֶעס מִיט דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא קִרְיַת יוֹאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן אַז אִיר קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, אוּן אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִים, אִיר הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט צְוֵויי מָאל סֵפֶר תְּהִלִים.

זַייט חַבֶרְ'טֶעס מִיט דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג. וֶוען מֶען אִיז אִין קְלַאס אוּן דִי טִיטְשֶׁער רֶעדְט - טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן, אוּן דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס לַאכְן זִיךְ אוֹיס אוּן רֶעדְן וֶוען אַ טִיטְשֶׁער רֶעדְט - זֶענֶען נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג; בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶרֶךְ אֶרֶץ דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִם קֵיסָרִים וּמְלָכִים הָיוּ יוֹדְעִים אֵיךְ אֲנִי מְלַמֵּד אֶת אֲנָשֵׁי דֶּרֶךְ אֶרֶץ, הָיוּ שׁוֹלְחִים אֶת בְּנֵיהֶם אֵלַי לִלְמוֹד דֶּרֶךְ אֶרֶץ", וֶוען קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוְוּיסְט וָואס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן אוֹיס מַיינֶע תַּלְמִידִים - וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## גֵיי נִישְׁט לֵיידִיג, טוּ גוּטֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיר זֶענֶען אַריין אִין פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, מִיר גֵייעֶן שׁוֹין אַרוֹיס פוּנֶעם יָאר שְׁנַת תשפ"ג אוּן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִיז שׁוֹין 'כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן', מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין צוּ דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן.

דֶעם זוּמֶער אִין שְׁטֶעטְל מִיט דִי יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין, מֶען הָאט אוֹיסְגֶענוּצְט דִי צַייט מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה. דִי בָּחוּרִים פָּארְן שׁוֹין אַהֵיים דִי וָואךְ,

און מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף וֶועלְן מִיר מַמְשִׁיךְ זַיין אִין שְׁטָאט יְשִׁיבָה דִי יָאר פַּאר נָאךְ צְוֵויי וָואכְן, פון מָאנְטָאג כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן בִּיז מָאנְטָאג ב' סְלִיחוֹת.

נֶעכְטְן הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַ סִיּוּם הַשַּׁ"ס פון אַ קִינְד און אויךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי מְלַוֶּה מַלְכָּה הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַ סִיּוּם הַשַּׁ"ס; אַ יוּנְג קִינְד פון עֶלְף יָאר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צו עֶנְדִיגְן שַׁ"ס. אַלֶע זֶענֶען גֶעוָוארְן אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען צו זֶען וִוי יוּנְגֶע קִינְדֶער הָאבְּן שֵׂכֶל, זֵיי לָאזְן זִיךְ נִישְׁט נַארְן, זֵיי לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אוֹיפְן דֶרֶךְ הַלִּימוּד פון רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֵיי נִישְׁט לֵיידִיג, בַּטֵּל נִישְׁט קַיין צַייט; גֵיין לֵיידִיג אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ, עֶס בְּרֶענְגְט צו וֶוערְן אַ נֶערְוֶועזְן קְרַאנְקֶער און אויךְ בְּרֶענְגְט עֶס צו טוּן עֲבֵירוֹת. גֵיי נִישְׁט לֵיידִיג, טו גוּטֶע זַאכְן; אָדֶער לֶערְן, אָדֶער זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, אָדֶער זֵיי עוֹסֵק אִין חֶסֶד. טְרָאג מִיט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַ זֶעקֶל סְפָרִים, אַ חוּמָשׁ'ל, אַ מִשְׁנָיוֹת'ל, אַ תְּהִלִּים'ל און וֶוען דו הָאסְט אִיבְּרִיגֶע צַייט זָאלְסְטוּ גוֹרֵס זַיין תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר'ן בַּאקוּקְן דֶעם עֵירוּב יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ה' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

דֶעם סֵפֶר גֶעבּ אִיךְ דִיר אַ גֶעשַׁאנְק פַאר אַ צֵייכְן און בַּאוַוייז פַארְן זִיךְ פְרֵייוִוילִיג אַװעקְגֶעבְּן װעכְנְטְלִיךְ פַארְן שְׁטֶעטְל "קִרְיַת בְּרֶסְלֶב", צו בַּאקוּקְן דֶעם עֵירוּב יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט און פַארַאנְטְוָוארְטְלִיכְקֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ בֶּענְטְשְׁן, דִיר און דַיין מִשְׁפָּחָה מִיט אַלֶעס גוּטְס און אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

וִוינְטְשְׁט דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## זַיי מִתְפַּלֵל פַאר מִיר אִין אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב לַ״ג בָּעֹמֶר, ה׳תשע״ט

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶע לִיבֶּע מַאמֶע תְּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעטְרָאפְן אַ שְׁלִיחַ וָואס פָאהְרְט קַיין מִירוֹן, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעפְרֵייט אַז אִיךְ וֶועל דִיר קֶענֶען שִׁיקְן אַ בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּענְק מִיךְ זֵייעֶר נָאךְ דִיר, אִיךְ הָאף אַלֶעס אִיז דָארְט אִין אָרְדֶענוּנְג.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְט מִיךְ מַזְכִּיר זַיין בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, מִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ אוּן מַיינֶע קִינְדֶער. מִיר גֵייעֶן יֶעצְט חֲתוּנָה מַאכְן אוּנְזֶער עֶלְצְטֶע קִינְד ... נֵרוֹ יָאִיר, דַארְפְן מִיר אַסַאךְ תְּפִילוֹת אוּן זְכוּתִים, אִין דִי זְכוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאלְן מִיר שׁוֹין גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, יֶעדֶער מִיט וָואס עֶר דַארְף.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעקוּמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל צוּם הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט עֶר גֶעהַאט אַ פְרַאגֶע אוֹיף חֲסִידִים, פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אִין דִי עֶרְשְׁטֶע סִימָן אִין אוֹרַח חַיִּים, אַז מֶען דַארְף זַיין טְרוֹיעֶרִיג אוֹיפְן חוּרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ! הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״מִיר חֲסִידִים זֶענֶען פְרֵיילִיךְ פוּן אִינְדְרוֹיסְן, צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן וְכוּ׳ - זֶענֶען מִיר בְּשִׂמְחָה, אָבֶּער פְּרִיוַואט, בֵּינָם לְבֵין קוֹנָם - זֶענֶען מִיר צֶעבְּרָאכְן אוּן מִיר קְלָאגְן אוֹיפְן גָלוּת וְכוּ׳.

דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר טַייעֶרֶע מַאמֶע, בָּרַבִּים גֶעבּ אִיךְ דְרָשׁוֹת פוּן הִתְחַזְקוּת, עֶס זֶעט אוֹיס אַלֶעס אַזוֹי גוּט, אָבֶּער אִין מַיין הַארְץ אִינֶעוֵוייְנִיג בִּין אִיךְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר אַסַאךְ שְׁוֶועריקֵייטְן, בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט מִיךְ אִינְזִין הָאבְּן אִין דַיינֶע תְּפִילוֹת, בִּפְרַט בְּאַתְרָא קַדִּישָׁא אִין מִירוֹן בַּיים הֵיילִיגְן תַּנָּא אֱלוֹקִי אוּן נָאךְ צַדִּיקִים, אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ

וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט מַיין אַרְבֶּעט פוּן מְחַזֵק זַיין בָּחוּרִים צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען שְׁפִּירְן טַעַם גַן עֵדֶן

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיף דֶער עֶלְטֶער אִיז אִים שְׁוֶוער גֶעוֶוען צוּ עֶסְן, מֶען הָאט אִים גֶעדַארְפְט זֵייעֶר שְׁטַארְק בֶּעטְן עֶר זָאל עֶפֶּעס טוֹעֵם זַיין צוּ הָאבְן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ לֶעבְן.

אַמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן: "עֶס אִיז דָא אַ זוּפּ וָואס אִיךְ הָאבּ יָארְן צוּרִיק גֶעגֶעסְן, אַ גוּטֶע זוּפּ, אַ גֶעשְׁמַאקֶע זוּפּ; גֵיי צוּ דֶעם דָארְף, צוּ דֶעם קְרֶעטְשְׁמֶע אוּן בֶּעט פוּן דִי פְרוֹי זָאל דִיר גֶעבְן פוּן דִי גוּטֶע זוּפּ, 'טֵייגְל יְוֹהךְ זוּפּ', וַוייל נָאר דִי אֵיין זוּפּ קֶען אִיךְ פַארְנֶעמֶען".

דֶער זוּן הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט, 'וִוי קֶען זַיין דֶער צַדִּיק זָאל גֶעדֶענְקֶען אַ זוּפּ וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעסְן שׁוֹין לַאנְג צוּרִיק אִין אַ קְרֶעטְשְׁמֶע, דֶער צַדִּיק אִיז הֶעכֶער פוּן גֶעדֶענְקֶען אַ טַעַם פוּן אַ זוּפּ...' אָבֶּער אַז דֶער צַדִּיק זָאגְט - פָאלְגְט מֶען; אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ יֶענֶעם דָארְף, מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן דִי פְרוֹי פוּן דִי קְרֶעטְשְׁמֶע אוֹיבּ זִי קֶען צוּשְׁטֶעלְן אַ טֵייגְל יְוֹהךְ זוּפּ.




”אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף דִי זוּפּ זָאל הָאבְּן טַעַם גַן עֵדֶן“

נָאכְן קָאכְן דִי זוּפּ הָאט מֶען אִיר גֶעבֶּעטְן זִי זָאל אוֹיסְזָאגְן דֶער סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען מַאכְט אַזַא גוּטֶע זוּפּ, הָאט דִי פְּרוֹי גֶעזָאגְט: ״אִיךְ בִּין אָרֶעם, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי זוּפּ, אִיךְ שְׁטֶעל אַ טָאפּ, אִיךְ לֵייג אַרַיין וַואסֶער אוּן אַבִּיסְל שָׁאלַאכְץ פוּן מֵייעֶרְן, אוּן אִיךְ זָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ׳גְרוֹיסֶער גָאט, דוּ הָאסְט אַזוֹי סַאךְ גַן עֵדֶן אוֹיבְן אִין הִימְל, אִיךְ בֶּעט דִיר, לֵייג אַרַיין אִין דִי טָאפּ אַבִּיסְל טַעַם גַן עֵדֶן׳, דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן דִי גֶעשְׁמַאקֶע זוּפּ״.

דֶעמָאלְט הָאט מֶען פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק הָאט גֶעזָאגְט, אַז עֶר דַארְף פוּן יֶענֶעם זוּפּ, עֶר הָאט גֶעוָואלְט לֶערְנֶען זַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זֶען וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת; אֲפִילוּ אַ פָּשׁוּטְ׳עֶ פְּרוֹי, אַז זִי בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ - קֶען זִי זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ גַן עֵדֶן לֶעבְן.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר גֵייעֶן שׁוֹין פוּן הַיינְט אָן יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.


בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718·387·2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
אום טיר
goodpointmediainc@gmail.com